STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05687

YITSHAK LEYBUSH PERETS

Moissaye J. Olgin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אָלגין

יצחק לייבוש פרץ



איקוף פאַרלאַג

M. Olgin

I. L. PERETZ

Y K U F - F A R L A G
New York, N. Y.
1 9 5 5

Printed in U. S. A.

166

א מתנה

זייט

צום לייענער — פון נ. מייזיל	5
פאָלקסטימלעכע געשיכטן פון י. ל. פרץ (1909)	9
אַ טאָג מיט י. ל. פרץ (1912)	17
געשטאָרבן פרץ (1915)	23
פרץ דער ליריקער (1915)	27
פרץ דער שריפטשטעלער (1915)	39

א מתנה



י. ל. פרץ אין 1907

צום לייענער

צווישן די פֿאַרשיידנאַרטיקע פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע און ליטעראַריש־זשורנאַליסטישע טעטיקייטן פֿון מ. אָלגין, לכתחילה אין רוסלאַנד און דערנאָך אין אַמעריקע, מיט וועלכע ער איז געווען פֿאַרנומען גוטע פֿיר צנדליק יאָר, — האָט ליטעראַטור־קריטיק פֿאַרנומען אַ גאָר בכבודיקן אָרט. געפֿינענדיק זיך שטענדיק אויף פֿאַרשיידענע פֿראַנטוואָרטלעכע פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע פּאָזיציעס און פּאָסטנס, האָט מ. אָלגין נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אָפּצוגעבן זיך כסדר און אינגאַנצן דער ליטעראַטור־פֿאָרשונג און קריטיק, וואָס זיינען אים געווען נאָענט און טייער. אָבער אַפֿילו אין די צייטן פֿון הייסן קאַמף, אינעם סאַמע קאָך פֿון העפֿטיקע געראַנגלענישן, האָט זיך מ. אָלגין ערנסט פֿאַרנומען מיט ליטעראַריש־קינסטלערישע פֿראַגן און פּראָבלעמען, — געלערנט, געשטודירט און פֿאַרעפֿנטלעכט וויכטיקע אַרבעטן אויף דעם געביט. ליטעראַטור און ליטעראַריש־קינסטלעריש שאַפֿן איז ביי מ. אָלגין קיינמאָל נישט געווען קיין „עיר מקלט", אַ אַנטרינונג־אָרט, וואוהין ער איז אַנטלאָפֿן צו פֿאַררוקן זיך אין אַ באַהעלטעניש. „סיפֿא וספֿרא" — שווערד און בוך — זיינען אַלעמאָל געווען ביי אים ענג און שטאַרק פֿאַרבונדן. ליטעראַטור איז געווען ביי אים אַ וויכטיקער קאַמף־געווער. ער האָט געזוכט ביי שרייבער און ווערק אַחריות פֿאַר סאָציאַלע פּראָבלעמען, ער האָט פֿאַרלאַנגט ציל־אָנגעווענדטקייט און אידייִשע אויסגעשפּראָכנקייט, און אַזוי אַלע יאָרן, נישט בלויז אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פֿון זיין רייך און פּראָדוקטיוו לעבן.

עס איז אַ שאָד, וואָס ביז אַהער איז נאָך נישט אויפֿגעזאַמלט געוואָרן דאָס וויכטיקסטע, וואָס מ. אָלגין האָט מיט אַזאַ שפּע געשאַפֿן אויך אויפֿן געביט פֿון ליטעראַטור־קריטיק, — די אָפּהאַנדלונגען, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּריט איבער צייטונגען און צייטשריפֿטן, וואָס פֿיל פֿון זיי איז שוין איצט שווער צו קריגן און שווער צו נוצן. נאָך מער עוולה איז, וואָס ביז איצט

איז נאָך נישט צונויפגעשטעלט געוואָרן קיין פולע, אויסשעפּנדיקע ביבליאָגראַפישע רשימה פון אַלגינס ווערק, וועלכע האָבן אַ קולטור־היסטאָרישן באַטייט.

אַז מ. אַלגין האָט געהאַט אַ טיפן אינטערעס און אַ שטאַרקע פאַרערונג פאַר די יידישע קלאַסיקער — דאָס איז גוט באַקאַנט. האָט דאָך מ. אַלגין אויבערגעזעצט איניקע זאַכן פון מענדעלע מו״ס פון העברעאיש אויף יידיש, און האָט ער דאָך אָפט זיך געשטיצט אויף די יידישע קלאַסיקער אויך אין זיינע פובליציסטישע אַרטיקלען.

וועגן זיין ספּעציעלער פאַרערונג פאַר פּרצן האָבן מיר גענוג אָנדייטונגען אין אַלגינס פאַרשיידענע ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען, וואָס זיינען אויפגעזאַמלט אין זיין בוך „אין דער וועלט פון געזאַנגען״ (ניו־יאָרק 1919, 311 זז״) און אין זיין בוך „קולטור און פאָלק״ (ניו־יאָרק, 1949, 360 זז״, איקוף־פאַרלאַג, מיט אַ פאָרוואָרט פון פ. נאָוויק), — וואו עס איז אויך אָפּגעדרוקט דער אַרטיקל „פּרץ דער ליריקער״, וואָס אַלגין האָט אָנגעשריבן אין 1915. אָבער אַז מ. אַלגין האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן באַגייסטערטע אַרטיקלען וועגן פּרצן, וואו ער האָט אויף זיין, אַלגינישן, אופן אַרויסגעבראַכט די פיל־געשטאַלטיקע פּרץ־פּערזענלעכקייט — וועגן דעם האָט מען כמעט נישט געוואוסט.

מיר האָבן איצט „אויסגעגראָבן״ פון זעלטענע יידישע צייטשריפטן און צייטונגען איניקע פּרץ־אַרטיקלען פון מ. אַלגין, וואָס, צוזאַמען מיט די ביז אַהער שוין פאַרעפנטלעכטע אַלגין־אָפּהאַנדלונגען גיבן זיי אונדז אַ געניוערע פאָרשטעלונג, ווי י. ל. פּרץ האָט אויסגעזען אין אַלגינס אויגן און ווי פּרץ קומט אַרויס אין זיין אויפפאַסונג. עס קאָן זיין, אַז ערגעץ־וואו אין אַמאָליקע צייטונגען זיינען פאַראַן נאָך וויכטיקע אַרטיקלען פון אַלגינען וועגן פּרצן און אויך וועגן אַנדערע שרייבער, וועלכע מען דאַרף ערשט „אויסגראָבן״ און פאַרעפנטלעכן.

די אָפּהאַנדלונגען פון מ. אַלגין וועגן פּרצן גיבן צו אויך אינטערעסאַנטע שטריכן צו דער אַלגין־פּערזענלעכקייט און צום אופן ווי ער נעמט אויף אַ קינסטלער. אַלגינען אימפּאָנירט פּרצעס „פרישקייט, פריילעכקייט, יונגשאַפט״. אַלגין איז פאַרגאַפט פון פּרצעס „גלויבן... זיין גאָט איז — דאָס לעבן״. אין דער באַציִונג, אַז פּרצעס „טאַלאַנט איז ווי עטלעכע שטראָמען, וואָס לויפן

איינער לעבן דעם אַנדערן" זעען מיר אויך אַלגינען גופא. דאָס איבעררופן זיך פון מ. אַלגין מיט י. ל. פּרץ איז זיכער פון גרויס אינטערעס.

די אָפּהאַנדלונגען פון מ. אַלגין וועגן פּרצן ווערן דאָ אין ביכל געגעבן לויט די צייטן, ווען זיי זיינען צוערשט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

דער ערשטער אַרטיקל איז געשריבן אין 1909, גלייך ווי ס'איז דערשינען אין וואַרשע פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", און ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער שיקאַגער „יידישער אַרבעטער וועלט", דעם 16טן יולי 1909. דער צווייטער אַרטיקל, „אַ טאָג מיט פּרצן", איז אָנגעשריבן אין ווילנע אין פעברואַר 1912, ווען י. ל. פּרץ האָט באַזוכט ווילנע, וואו ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. דער אַרטיקל איז געדרוקט געווען אין „פאַר-ווערטס" אין 1912. די איבעריקע דריי אַרטיקלען זיינען געשריבן דורך מ. אַלגין, גלייך נאָך פּרצעס פּריצייטיקן און אומגעריכטן טויט, אַפּריל 1915, — צוויי פון זיי זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פאָרווערטס" און דער דריטער אין „צוקונפט".

אין דער רייכער און פילזייטיקער פּרץ-ליטעראַטור, וועלן די אַרטיקלען פון מ. אַלגין פאַרנעמען אַ חשובן אָרט, און צו דער אַלגין-געשטאַלט גיבן זיי זיכער צו נייע שטריכן.

דעם 4טן אַפּריל, 1955

צו פּרצעס 40סטן יאָרצייט.

נחמן מייזיל

פאָלקסטימלעכע געשיכטן פון י. ל. פרץ

שוין לאַנג אַזאַ יום־טוב ניט געווען אין אונדזער ליטעראַטור. אַ נייער באַנד פּרצעס שריפטן, אַ מאַסיווער, דיקער באַנד, פול מיט דער ריינסטער, ברילִיאַנטענער, עכט־ייִדישער פּאָעזיע. פּרצעס פּאָעזיע...

כמעט אַלע דערציילונגען, וואָס זיינען דאָ אָפּגעדרוקט, זיינען שוין פריער דערשינען אין ציימונגען, זאַמלביכער, זשורנאַלן. זיי זיינען נאָר געווען צעזייט און צעשפּרייט. דער איינדרוק פון זיי האָט דעריבער אויך געמוזט זיין אַ פאַרטושטער, אַ צעשטרייטער. איצט זיינען זיי געזאַמלט — און דער רושם, וואָס זיי מאַכן, איז ניט בערך שטאַרקער, איינהייטלע־כער, טיפער, ווי מ׳האָט אפילו געקאָנט דערוואַרטן.

דאָס איז די צייטיקסטע פרוכט פון אַ צייטיקן טאַלאַנט, וואָס האָט געפונען זיין וועג און גייט אויף אים מיט זיכערע טריט. דאָס איז דאָס אָריגינעלסטע ייִדישע ווערק, וועלכע איז ווען דערשינען אין דער מאָ־דערנער ייִדישער ליטעראַטור.

איך זאָג: „דאָס ווערק״, ווייל די אַלע דערציילונגען, וואָס זיינען געזאַמלט אין דעם נייעם באַנד, בילדן אַלע איינס, ווי פון איינצלנע מע־לאָדיעס ווערט איין סימפאָניע, ווי פון איינצלנע פּענזל־שטריכן ווערט איין האַרמאָניש בילד. די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ זיינען איין גאַנץ ווערק, וואו עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז, ווי אין אַ צויבער־פּאַנאָראַמע, די נשמה פונעם ייִדישן פאָלק.

די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ האָבן נאָר צו טאָן מיט דער נשמה פונעם מענטשנס „איך״, מיטן הייליקסטן און טיפסטן, וואָס ס׳איז פאַראַן אינעם מענטשנס לעבן. די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ שילדערן די עטיק פונעם ייִדישן פאָלק, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט אין די לעגענדן, אין די מעשׂיות, אין די צויבער־געשיכטן פונעם המון. דאָס איז אָבער ניט קיין פּשוטע באַאַרבעטונג פון פאָלקסטימלעכע לעגענדן. דאָס זיינען

זעלבשטענדיקע פּאָעטישע שאַפונגען, יעדעס פון זיי טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון זייער שעפער, אַ שטעמפּל פון אַ אייגנטימלעכן אינדיווידועלן טאַלאַנט, און אין דער זעלבער צייט זיינען אַלע זייערע עלעמענטן גענומען פון דעם אוצר פון דעם פאָלקס אָנשויאונגען, וועלכע האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין אַ משך פון הונדערטער יאָרן.

דערין באַשטייט דער טאָפּלטער ווערט פון אָט דעם באַנד.

איך קען נאָר איין ווערק, וואָס ס'איז אפשר מעגלעך אַוועקצושטעלן עס לעבן פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“. דאָס איז דאָס „שטעטל“ פון אַש. איך געפין אַפילו אַ שטיקל קרובהשאַפט צווישן זיי. אי די „געשיכטן“, אי דאָס „שטעטל“ שטאַמען פון דער זעלבער סביבה, שעפן זייער פּאַטאָס פון דעם זעלביקן נאָך ניט צעשפּאָלטענעם, נאָך ניט דיפערענצירטן אַלט־יידישן לעבן. אי די „געשיכטן“ אי דאָס „שטעטל“ שילדערן אַזאַ וועלט, וועלכע איז שוין איינגנטלעך ניט פאַראַן, נאָר וועלכע איז נאָך ניט קיין פאַרגאַנגענהייט, אַ וועלט וועלכע האַלט אין פאַרשווינדן און אָטעמט נאָך אויף אונדז מיט דעם דופּט פון אַן אייגנטימלעכער שיינקייט. . .

נאָר בשעת דאָס „שטעטל“ מאָלט אונדז דאָס אויסווייניקסטע לעבן, די באַזונדערע פאָרמען, די באַזונדערע סאָציאַלע סטרוקטור פון דער אַלט־יידישער וועלט, בשעת דאָס „שטעטל“ וויל אונדז געבן אַ בילד פון די מנהגים, די זיטן, די פירונגען, הכלל די חיצוניות, דעם גוף, פון דעם יידישן לעבן, — קומט פּרץ און קוקט אַריין מיט זיין פּאָעטישן אויג טיף אין די באַהאַלטענע קעמערלעך פון דער אַלט־יידישער נשמה און שלעפּט פון דאָרט אַרויס די פּערל, וועלכע זיינען געלעגן באַהאַלטן, ווי אין דער טיפעניש פון דעם ים. די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“ דערציילן, וואָס עס פילט און ווי עס פילט דאָס פאָלק אין די בעסטע מינוטן פון גייסטיקער אויפקלערונג, ווען עס דערהויבט זיך פון דעם שמוץ און דער בלאָטע פון אַלטעגלעכן לעבן און דערשפּירט דאָס ליכט פון דער שכינה איבערן קאָפּ און גאָטס קול אין דעם אויסגעלייטערטן האַרצן. די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“ מאָלן אונדז דעם יידן אַן אויסגעטאָנענעם פון יעדן סאָרט גשמיות, אַן אָפּגעוואַשענעם און אַן אָפּגעטובלטן אין דעם קלאָרן וואַסער פון אידעלע געדאַנקען, אַן איינגעהילטן אין אַ שניי־ווייסן מאַנטל פון לויטער רוחניות — אַ יום־טובדיקן יידן.

דעריבער דאַרף פּרץ דאָ ניט האָבן קיין רעאַליסטישן אינהאַלט

פֿאַר זײַנע מעשׂיות. ער איז ניט צוגעבונדן צו דער ערד. ער קאָפּירט ניט, ער שאַפֿט. אין זײַן וועלט, אין דער וועלט פֿון געדאַנקען און פֿאַנטאַזיעס, איז אַלצדינג מעגלעך, אַלצדינג רעאַל, אַלצדינג טוט זיך לויט באַשטימטע, אײַגנאַרטיקע געזעצן. דער פֿאַנטאַסטישער עלעמענט איז אַזוי איבערגע־מישט אין זײַנע „געשיכטן" מיט געוויינלעכע געשעענישן, אַזוי פֿאַר־פֿלאָכטן, פֿאַרוועבט מיט מאָמענטן פֿון דער אויסוויניקסטער ווירקלעכקייט, אַז עס איז זיי אוממעגלעך צו צעשיידן. אַלץ צוזאַמען בילדעט אַ נײַעם מין וועלט, אַ שטילע, אַ חנוודיקע, מיט גאָטס גענאָד באַלויכטענע, אוממגע־ווײנלעכער און דאָך רעאַלער וועלט.

***

איבערגעבן דעם אינהאַלט פֿון די „געשיכטן" מיט אונדזערע וואָכע־דיקע ווערטער איז פּשוט אַן עבֿירה: זיי וועלן פֿאַרלירן זייער אידעאַלן אַראָמאַט. ס'איז אויך אוממעגלעך: אַזוי רײַך זײַנען די בילדער און אַזוי פֿאַרשיידנאַרטיק די מאָטיוון. צוויי גרונט־געדאַנקען לאָזן זיך דאָך אַרויס־טײלן פֿון צווישן אַלע איבעריקע, אַלס די באַליבטסטע בײַ פּרצן. צו זיי קערט ער זיך אום באַזונדערס אין זײַנע געשיכטן. דער ערשטער געדאַנק איז דער יעניקער, וועלכער ליגט אינעם פֿונדאַמענט פֿונעם חסידות: דאָס האַרץ, דאָס געפֿיל איז ניט נידעריקער, אפֿשר נאָך העכער פֿונעם קאָפּ, פֿונעם שׂכל. „צוויי וועגן פֿירן צו זײַן ליבן נאָמען, וואָס איז די נשמה פֿון דער וועלט און דער תּוך פֿון דער וועלט. איז איינער פֿון זיי דער וועג פֿון שׂכל, אויב דער בשׂר ודם שאַרפֿט זײַן מוח אין דער תּורה הקדושה; און דער צווייטער — דער וועג פֿון האַרץ פֿון אַ בשׂר ודם, אויב ער רייניקט עס און הייליקט עס לעבֿודת הבורא.

„על פּי דרך הטבֿע ווערט געהויכט און געהויבן אַ מענטש נאָר דורך דעם שׂכל; דורך דעם שׂכל לערנט ער די תּורה הקדושה, וואָס איז דער חוק ומשפּט — דאָס געזעץ פֿון דער וועלט, און ער דערקענט דורך איר דעם פּלאַן, לויט וועלכן דער בורא עולם האָט זי, די וועלט, אַרויסגעפֿירט פֿון תּוהו ובֿוהו, און ער ווייסט, אויף וואָס זי שטייט און וואָס עס קען זי חרובֿ מאַכן...

„צו אַ גאַנץ הויכער מדרגה קאָן אָבער אויך קומען אַ מענטש דורכן האַרץ, אויב די כּוונה איז גוט און דאָס האַרץ איז גוט, און עס ברענט אין

דעם האַרץ דאָס פייער פון גרויס ליבשאַפט צום בורא עולם, און עס רויכערן זיך דערויף מצוות און מעשים טובים ווי קרבנות אויפן מזבח...

„וואָרעם פון אמתן צדיקס האַרץ שטראַלט און פליסט אַרויס דאָס גרויסע, האַרציקע רחמנות אויף דער וועלט" („צווייי וועגן — צוויי משלים").

אין אַ גאַנצער ריי מעשיות מאָלט אונדז פרץ די „שטומע נשמות", וואָס פילן און האָבן ניט קיין ווערטער, וואָס האָבן טעמפּע קעפּ, אָבער אָפענע הערצער. אָט איז יוחנן וואַסער־טרעגער, אַ ייד, וואָס האָט קוים געקענט תהלים זאָגן, אי דאָס אויך מיט אַ סך גרייזן, אַ פּשוטער ייד, וואָס פלעגט נאָכן דאַווענען אַרומטראָגן קאַלט וואַסער פאַר די לומדים, נאָר וואָס האָט געהאַט אַ חוש צו אונטערשיידן אמתע לומדים, אַזעלכע וואָס לערנען לשמה, פון געמאַכטע, וואָס לערנען אָן ליבשאַפט, צוליב אַ זייטיקער פניה. ער האָט געאַרבעט, געטראָגן וואַסער, געהאַקט מיט דער האַק, ווי אַ געוויינלעכער אַרבעטס־מענטש, ער איז אָבער געשטאַנען העכער פון גרויסע צדיקים און האָט אויסגעפירט ביים רבונו־של־עולם אַ סך אַזוינע זאַכן, וואָס יענע האָבן דערצו ניט געקאָנט דערגרייכן.

אָט איז פאַר אונדז דער באַס — אַ תמעוואַטער בחור, וואָס קען אַפילו ניט דאַווענען און קען כמעט ניט רעדן; ער פאַרפלאָנטערט זיך אין די אייגענע רייד ווי אין אַ נעץ; אַ האַלבער גולם, וואָס אַלע לאַכן פון אים און מאַכן פון אים חוזק. ליגט אָבער אין זיין נשמה אַ געטלעכער פונק — די ליבע צו מוזיק. ער לערנט זיך צופעליק אויס שפּילן אויפן באַס — און אין דער מוזיק דריקט ער אויס זיינע רעליגיעזע געפילן, מיט מוזיק דאַווענט ער, מיט מוזיק זאָגט ער „קריאַת שמע", רעדט מיט גאָט — איבערדערפרי און פאַרנאַכט און צו חצות. „און די קולות פון זיין באַס פלעגן זיך צעשווימען אין דער שטילער מוטער־נאַכט און אַריינרייסן זיך דורך טיר און טויער און לאָדן אין די שטובן, אין די הערצער אַריין... און אין די קולות האָט געשטעקט אַזאַ ערנסט־כוונהדיקע תמימות, אַז ווען דער שול־האַמער האָט ניט געוועקט, דער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין באַס... און יידן פלעגן זיך אַרויסרייסן פון די בעטן צו עבודת הבורא". און איינמאָל, ווען דער באַס האָט געשפּילט אויף אַ גבירישער חתונה — האָט זיך דער הימל איבער אים געשפּאָלטן, און דער עולם האָט דערזען, ווי עס שווימט אין דער הויך אַ רחבות פון ציטערדיקער ליכטיקייט, „און אין דער ליכטיקייט, וואָס ציטערט און וויגט זיך, הערט זיך זינגען און שפּילן, מלאכים משוררים זינגען, קאַפּעליעס מלאכים שפּילן און אַלע

שפּילן אַ ניגון און אַבֿרהמלס באַס פּאַסט צו צום ניגון, שווימט מיט אַ זמר פון ליכטיקייט, וואָס וויגט זיך און הייבט און ציטערט אין דער הויך". אַבֿרהמל באַס האָט דערגרייכט צו די העכסטע שטופן פון הייליקייט און שיינקייט.

אָט איז ווידער אַ „שטומע נשמה" — אַ יידישער פישער, וואָס וואוינט אַלע יאָרן ביים ברעג פונעם ים, צווישן ניט־יידן, און קען שוין אַפילו שמע ישראל ניט מתפלל זיין. נאָר איין יידישער מנהג איז ביי אים געבליבן — יום־כיפור. ערב יום־כיפור אין דער פרי פלעגט ער אויסקלייבן דעם גרעסטן פיש, און די גאַנצע משפחה איז געגאַנגען מיטן פיש אין שטאָט אַריין און מען פלעגט אָפּגעבן דעם פיש דעם קהלשן שוחט, ביי וועלכן מען פלעגט פאַרפאַסטן און עסן נאָכן תענית. אַזוי האָט מען געלעבט — און דאָס איז געווען דער איינציקער פאַרבאַנד צווישן דעם פישער און דעם כלל ישראל. דערפאַר איז דער פאַרבאַנד געווען שטאַרק. איינמאָל ערב יום־כיפור האָט דער פישער זיך געלאָזט פון ים נאָך אַ פיש פאַרן שוחט, כאָטש דער ים איז געווען אומרואיק און ס'האָט זיך אָנגערוקט אַ שטורעם. די כוואַליעס האָבן געטראָגן זייער שיפל און געוואָרפן עס — און ער האָט אַלץ זיך ניט אומגעקערט, אַלץ געוואָלט טאָן די מצווה, צו כאַפּן אַ פיש. אַזוי האָט ער אַרומגעבלאָנקעט איבערן ים ביז ס'איז געוואָרן נאַכט — האָט ער גאָר איינגאַנצן אַרויסגעלאָזט דעם רודער פון דער האַנט: יום־כיפור! מען טאָר ניט אַרבעטן. „טו מיט מיר, גאָט, וואָס דו ווילסט! זאָל דיין רצון געשען..." ער הייבט אָן באַזינגען דעם ניגון , וואָס ער האָט געהערט אין כאָר, — דאָס איינציקע לשון, אויף וועלכן די שטומע נשמה קאָן רעדן מיט גאָט. און דער הימל ווערט שוואַרצער און שוואַרצער. די כוואַליעס הייבן זיך העכער און העכער, שאַרפער נאָך בלאָזט דער ווינט. דאָס שיפל וואַרפט זיך באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ; איין כוואַליע וואַרפט עס צו דער צווייטער... דער פישער גרייט זיך צו שטאַרבן זינגענדיק... באַווייזן זיך צוויי ווייסע געשטאַלטן, ווי פון נעפּל געוועבטע. כאַפּן אונטער דעם האַלב־דערטרונקענעם מאַן, גייען מיט אים אונטער די אָרעמס, טרעטן איבער די כוואַליעס, ווי איבער בערגלעך און פירן אים אַזוי געאָרעמט צווישן ווינטל און געטומל... ער וויל עפּעס רעדן, נאָר זיי זאָגן אים: זינג בעסער, זינג! דיין געזאַנג וועט גובר זיין דעם צאָרן פונעם ים.

דער צווייטער גרונט־מאָטיוו פון פרצעס געשיכטן איז דער געדאַנק

וועגן פֿליכט. יעדער מענטש מוז טאָן אַזוי, ווי ער האַלט פֿאַר גוט, און וואָס אידעאַלער דער מענטש איז, מער פּעסט מוז ער זיך האַלטן פֿאַר זיינע פֿליכטן; מער גרויס איז זיין זינד, ווען ער גייט אַראָפּ פֿון דעם וועג, וואָס ער רעכנט אים פֿאַר ריכטיק. אין דעם פּרט זיינען פֿיל פּרצעס מעשיות דורכגעדרונגען מיט אַן אמתן פֿליכט־פֿאַנאַטיזם. איין אומזיכער שריט, איין האָר אַראָפּגעבויגן זיך פֿון דער גראַדער שנור, איין רגע אַ טראַכט געגעבן עפּעס אַזוי — איז שוין פֿאַרפֿאַלן, די נשמה האָט אָנגעוואָרן איר רייכקייט, — און לאַנגע יאָרן מוז זי נאָכדעם אַרומבלאָנדזשען, ביז עס עפֿענען זיך פֿאַר איר די טויערן פֿון גן־עדן. אַזוי איז די „תאווה צו קליידער", וואו אַ יידענע פֿאַרזינדיקט איר וועלט און פֿאַלט אַריין אין די גרעסטע עבירות נאָר דערפֿאַר, וואָס זי האָט דערלאָזט צו הערשן איבער זיך די תאווה צו שיינע קליידער; אַזוי איז די געשיכטע „לא תחמוד", וואו אַ ייד אַ צדיק, מיט אַ ריינער נשמה האָט זיך פֿאַרזינדיקט דערמיט, וואָס שטאַרבנדיק האָט זיך אים פֿאַרגלוסט צו האָבן אַ גרינגן טויט און ער האָט מקנא געווען די, וואָס שטאַרבן גרינג, — און דערפֿאַר האָט מען אים פֿאַרמשפּט צו אַרומבלאָנקען זיך אויף דער וועלט נאָך אין אומצאָליקע גלגולים. אַזוי איז די געשיכטע: „אַ גאַנץ יאָר שיכור — פּורים ניכטער", וואו אַ פּרוש, אַ גרויסער לערנער, פֿאַלט און ווערט אַ שיכור נאָר דעריבער, וואָס ער האָט איין איינציקן מאָמענט ניט געקענט גובר זיין זיינע חושים. אַזוי איז אַ ריי אַנדערע דערציילונגען, וואו פֿליכט־פֿאַנאַטיקער ווערן געלויבט און געאַכפּערט און אַרויסגעשטעלט פֿאַר אַ מוסטער („דריי מתנות", „דער אוצר", „זיבן גוטע יאָר").

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו רעכענען, אַז ביי פּרצן איז לויטער דין און ס'איז גאָר ניט קיין רחמים. איך האָב דאָ נאָר אָנגעוויזן אויף די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס באַשעפֿטיקן פּרצן אין דעם ניי־דערשינענעם באַנד. אַנאַליזירן אַלע עטישע מאָטיוון, וואָס זיינען פֿאַרקערפּערט אין די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן", איז דאָ ניט מיין אויפֿגאַבע; דאָס קען זיין דער געגנשטאַנד פֿון אַ זעלבשטענדיקער אינטערעסאַנטער אַרבעט. דאָ וויל איך נאָר נאָך אָנווייזן אויף אַן אַנדער מאָמענט — אויף דער טיפֿער ליבע צום דערשלאָגענעם און אונטערדריקטן, וואָס לאָזט זיך הערן אין אַלע פּרצעס געשיכטן. די דאָזיקע ליבע באַגלייט אַלע זיינע בילדער און גיט זיי צו אַ באַזונדערע וויכטיקייט, אַ באַזונדערן חן.

זאָל ער בעסער אַליין רעדן פֿאַר זיך:

„אַמאָל האָט גאָט אַראָפּגעקוקט אויף אונדזער אָרעמער וועלט, און געזען, אַז עס פירט זיך ניט גוט, אַז עס זיינען סאַמע קליינע, גאָר קליינע נשמות, וואָס קאָנען גאָרנישט אויסקלערן, און אויב זיי קלערן שוין יאָ עפּעס אויס, קאָנען זיי עס נישט אויספירן. האָט ער געהייסן אַראָפּשיקן איין נשמה כאָטש אַ ריכטיקע — אַ גרויסע, אַ הויכע נשמה.

און עס איז ערגעץ געבוירן געוואָרן אַ קינד מיט אַזאַ נשמה. עס איז געווען אַ ייִנגל, און אַז ער האָט געעפנט זיינע גרויסע אויגן אויף דער וועלט, איז ער פול געוואָרן מיט צער און רחמנות.

נאָר אַז ער איז אויסגעוואַקסן, האָט ער אויך גאָר ניט אויסגעקלערט, וואָרעם ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו קלערן...

אַרום און אַרום איז אַזאַ אומגליק געווען, אַזוי פיל אומבאַהאָלפנ־קייט, אַזוי פיל צער...

און ער האָט זיך גענומען העלפן, עצות צו געבן, טובות צו טאָן... עמעצער פאַלט, הייבט ער אים אויף; עמעצער ווייסט ניט, ווי אַזוי פון וואַסער אַרויס, דערלאַנגט ער אים אַ צווייג; עמעצער קען אַ לאַסט ניט דערטראָגן, העלפט ער אים צו... און וואו עס האָט שוין דאָס אויך ניט געהאָלפן, האָט ער זיין האַרץ אַרויסגענומען און געזונגען און געשפּילט.

ער האָט געזונגען פון שפּעטערע גליקלעכערע צייטן... ווען אַלע וועלן ווערן געהאָלפן, ווען אַלע טרערן וועלן אויסטריקענען, אַלע קרענק פאַרשווינדן, אַלע עוולות פאַרגיין, און אַלע, די שוואַכסטע אַפילו, וועלן גליקלעך זיין...“

אַזוי דערציילט פּרץ אין איינער פון זיינע „געשיכטן“.

***

וואָס פאַר אַן אַרט ליטעראַטור איז דער בייער פּרצעס באַנד? סימ־באָליזם? ראָמאַנטיזם? מאָדערניזם? טענדענציעזע בעלעטריסטיק? — איך ווייס ניט. אפשר דאָס אַלץ צוזאַמען, און אפשר ניט איינס פון די אַלע. ס'איז דען אַזוי וויכטיק? איך ווייס נאָר איינס: דאָס, וואָס פּרץ האָט אָנגעשריבן, איז זיינס, זיין אייגנס, צו קיינעם ניט ענלעך, ביי קיינעם אויף באָרג ניט גענומען, און עס לעבט, עס זינגט, עס רירט דאָס האַרץ, עס פאַרכאַפּט דאָס אויג, עס באַפליגלט די פאַנטאַזיע; און עס איז דורכ־געוועבט מיט אידעלע געדאַנקען, און עס איז געשריבן מיט אַ גאָלדענער

שפּראַך. דאַרף מען דען נאָך? איז דען נויטיק בפּירוש אַ צעטעלע מיט אַן אויפשריפט: די און די שולע?

איך מוז איבערחזרן: עס איז אַ יום־טוב אין אונדזער ליטעראַטור אַט דער נייער באַנד. און ס'איז אַ פרייד צו וויסן, אַז אַזוינע ווערק דערשיינען איך יידיש: אין אונדזער יונגער ליטעראַטור.

.1909



י. ל. פּרץ אין 1909

אַ טאָג מיט י. ל. פּרץ

איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט צו פֿאַרברענגען מיט פּרצן עטלעכע שעה. דאָס איז געווען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט דעם באַרימטן יידישן דיכטער. אונדזער שמועס האָט גראָד געטראָגן אַזאַ כאַראַקטער, אַז י. ל. פּרץ האָט זיך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל געמוזט אומקערן צו זיך אַליין, צו זיין אייגענער ליטעראַרישער אַרבעט. די מיינונגען, וואָס ער האָט דערביי אַרויסגעזאָגט, קאָנען זיין אינטערעסאַנט פֿאַר די ברייטע מאַסן פֿון די יידישע לעזער. איך רעכן דעריבער, אַז איך האָב דאָס רעכט איבערצוגעבן דער עפֿנטלעכקייט אַ טייל פֿון אונדזערע שמועסן.

נאָר פֿריער אַ פּאָר ווערטער וועגן דער פּערזאָן אַליין.

דאָס ערשטע, וואָס וואַרפֿט זיך אין די אויגן, ווען איר טוט אַ קוק אויף דעם באַרימטן דיכטער, איז זיין פֿרישקייט, זיין פֿריילעכקייט, זיין יוגנשאַפֿט. יאָ, זיין יוגנשאַפֿט! אָט דער אַלטער שרייבער, וואָס האָט אָנגעהויבן שרייבן נאָך אין יענע יאָרן, ווען ס'איז גאָר נישט געווען קיין יידישע ליטעראַטור, אָט־דער פֿיל־געלעזענער און פֿיל־געליבטער דיכטער, וואָס נאָך אונדזערע טאַטעס האָבן מיט התפּעלות געלייענט זיין „מאָנאָיש" און זיין „משולח" און וואָס איז טאַקע, ווי מיר ווייסן, שוין עלטער פֿון זעכציק יאָר, אָט דער אמתער „טאַטע" פֿון אַ סך יונגע יידישע שרייבער, וועלכער האָט זיי אַרויסגעפֿירט אין דער וועלט אַריין און געמאַכט צו לייטן — איז אַליין דער לעבעדיקסטער, דער פֿריילעכסטער, דער רירעוודיקסטער, דער פֿרישסטער און דער יינגסטער צווישן אַלע זיינע קאָלעגן.

דאָס איז נישט קיין גוזמא. איך האָב געזען פּרצן צווישן אַ קאָמפּאַניע ווילנער יידישע שרייבער, וואָס די מערהייט זייערע איז נישט געווען עלטער פֿון דרייסיק יאָר און די עלטסטע — נישט אַריבער פֿערציק. און זיי אַלע האָבן אויסגעזען אַנטקעגן פּרצן ווי זקנים. און ער איז געווען צווישן זיי

ווי אַ לעבנספּולער יונגלינג, וואָס איז פאַרליבט אין לעבן און אין אַלע פאָרמען פונעם לעבן.

נישטאָ אין זיין פּנים נישט דער ייִדישער אומעט, נישט דער ייִדי־שער פּחד. איר קוקט און זעט — אַ קלוגער קאָפּ פון אַן אייראָפּייער מיט קלוגע פריילעכע אויגן, אונטן — די געדיכטע בלאָנד־גראָלעכע וואָנסן. אַזוי זעט אויס אַ פּוילישער גוט־באַזיצער אָדער אַ דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טוער. געזונט, מונטער, לעבעדיק און זיכער. ערגעץ אין די ווינקלען אַרום די ליפּן, שלענגלט זיך אַן אָפּשיין פון אַן אייראָבישן שמייכל! פּרץ באַמערקט דאָס לעכערלעכע ניט ווייניקער ווי דאָס ערנסטע, און רופט זיך אָפּ אויף אַלצדינג מיט זיין יונגער נשמה.

איך האָב אים געזען אין אַן אַנדער אָרט — צווישן עטלעכע הונדערט יונגע אַרבעטער אין אַן אָוונט־שול. פּרץ איז געשטאַנען אויף דער קאַ־טעדרע און געכאַפּט די בלומען, וואָס די אַרבעטער האָבן אים מיט אַנט־ציקונג געוואָרפן פון אַלע זייטן — און האָט זיי צוריקגעשליידערט אין עולם אַריין. זיינע אויגן האָבן געלאַכט, ווי ביי די יונגע יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן מיט באַגייסטערונג געשריגן דאָס איינע וואָרט: „פּרץ" . . . „פּרץ" . . . און אַליין האָט ער, כ׳לעבן, אַזוי געפּאַסט צו דעם יונגן עולם מיט זיין יונגער פריקד. דאָ איז ער גראָד געווען אויפן אָרט, און ס׳איז געווען נאַטירלעך, וואָס ער האָט געהאַלטן אַ רעדע לכבוד דער יוגנט.

ער אַליין דערקלערט דעם אונטערשייד צווישן זיך און די איבעריקע ייִדישע שרייבער דערמיט, וואָס אין יענע איז ניטאָ קיין גלויבן, בשעת ער אַליין פאַרמאָגט יאָ אַ גלויבן. דאָס, מיינט ער, איז די סיבה, פאַרוואָס ס׳איז אומעטיק אין אַ קאָמפּאַניע פון ייִדישע שרייבער. אויב ער פאַר־שטייט אונטער „גלויבן" אַן אומדערקלערבאַרע מיסטישע צוגעבונדנקייט צו אַ געוויסער אידייע, צו אַ געוויסן געפיל, צו אַ געוויסער שטימונג אָן גריבלערייען, אָן ספקות, אָן קאַלטע קשיות — איז אין אים געוויס פאַראַן אַ שטאַרקערער גלויבן . . . זיין גאָט איז — דאָס לעבן.

אפשר טאַקע צוליב דעם האָט ער מיט אַזאַ ליבשאַפט געשילדערט זיינע חסידים, ווייל אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אין זיי איז דאָ די גרויסע צוגעבונדנקייט צום לעבן, אַז זיי זיינען די לעבעדיקסטע, די פריי־לעכסטע צווישן די ייִדן, אַז זיי פאַרמאָגן די גרויסע פעאיקייט צו זיין אַזוי ווי קינדער . . .

אפשר זייַנען די חסידים אים נעענטער אַלס מענטשן, ניט אַלס פאַרטרעטער פון אַ געוויסער רעליגיעזער אידייע. אפשר איז אין דעם ביאַלער רבין אים טייער ניט דאָס, וואָס ער גלויבט אַנדערש ווי דער בריסקער רב, נאָר דאָס וואָס ער זיצט אויפן גאַניקל און וואַרפט אַראָפּ די חסידים אַ ניגון — און אַלע פרייען זיך בשמחת תורה, אפשר צוליב אָט־דער שמחה האָט פרץ באַשאַפן זייַנע חסידישע מעשׂיות, וואָרום אין אים אַליין איז פאַראַן אַ גאַנצער אוצר, אַ גאַנצער קוואַל פון אַזאַ מין שמחה.

— איר זייַנט אַ חסיד ? — פרעג איך אים.

— באַהיטע גאָט ! — ענטפערט ער מיט זיין כאַראַקטעריסטישן פוילישן אַקצענט. — איך אַליין בין נאָר אַ שרייבער, אַ קינסטלער.

— און ווי פאַרהאַלט איר זיך צו דער ניי־חסידישער דיכטונג ביי אַ געוויסן טייל פון דער הייַנטיקער יוגנט ?

— אַ דיכטונג, וועלכע האָט ניט קיין באָדן אונטער די פיס, איז אַ געקינסטלטע „דיכטונג“, וואָרום ביי די הייַנטיקע יונגעלייט איז דאָך נישטאָ קיין אמונה אינעם רבין, קיין אמונה אין די מופתים. די גאַנצע טיילונג אויף „חסידים“ און „מתנגדים“, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אינטע־ליגענטע הייַנטוועלטיקע מענטשן, האָט נישט קיין שום זין און איז ניט מער ווי אַ מליצה . . .

ווען פרץ רעדט, האָט ער ליב מסביר זיין זייַנע ווערטער. ער רעדט קיילעכדיק, שיין, מיט אויסגעמאָסטענע פראַזן. אָפטמאָל שטעלט ער אַריין אַ וויץ, באַזונדערס, ווען ער רעדט פאַר אַ גרויסן עולם — און דער וויץ באַלייכט די גאַנצע רעדע און מאַכט זי עפּעס נעענטער, ליבער פאַר די הערער.

— מיין שטאָלץ, — האָט ער געזאָגט, — איז דאָס, וואָס מיך אָדער מ'האָט ליב, אָדער מ'האָט פיינט, קיין גלייכגילטיק פאַרהאַלטן צו מיר איז ניט פאַראַן. דאָס באַווייזט, אַז אויף די מענטשן ווירקט מיין פערזאָן, אַז זיי פילן אין מיר ניט נאָר דעם שרייבער, נאָר אויך דעם מענטשן . . . נאָך צוריק מיט יאָרן, בשעת איך בין געזעסן אין דער פוילישער שטאָט זאַמאָשטש און איך בין געווען — שטעלט אייך פאָר — דער גרעסטער אַפּיקורס אין שטעטל. געגאַנגען מיט אַ ראַזירטער באָרד, געפירט אין שטוב אַ טריפה קיך — יענע יאָרן! האָט זיך דאָך אַ טייל שטעטל פאַר־

האַלטן צו מיר מיט ליבע און אַכטונג. דאָס שעץ איך אין מיר זייער הויך . . .

איך האָב זיך איינגעהערט אין די רייד און וויל דערביי באַמערקן, ווי [עס] רעדט אַ באַרימטער מענטש וועגן זיין אייגענעם רום. זעלטן ווען אַפילו אַ גרויסער מענטש בליבט דערביי נאַטירלעך. ביי פּרצן קומט עס אויס אַזוי, אַז איר טראַכט זיך: אַנדערש איז ניט מעגלעך. ער רעדט וועגן זיך ווי וועגן אַ דערשיינונג, וועלכע דאַרף און מוז אינ־טערעסירן אי איך, אי אים. ער וויל נישט זיין איבעריק באַשיידן, וואָרום דאָס וואָלט געווען לעכערלעך. ער באַרימט זיך ניט, וואָרום ער שטייט העכער פון אַזוינע קלייניקייטן. ער רעדט וועגן זיין טאַלאַנט און וועגן זיין אַרבעט ווי וועגן אַ פאַקט, רואיק, געלאַסן, אָביעקטיוו.

און איך איז אָנגענעם מיט אים צו ריידן. איר קענט אים פערזענ־לעך ערשט פון היינט — און איך דוכט זיך, אַז איר קענט אים שוין צענדליקער יאָרן. עס פאַלט אַוועק די מחיצה, וואָס טיילט אָפּ מענטשן, און אַ נשמה רעדט צו אַ נשמה.

⁂

ס'איז געווען שפּעט ביינאַכט. אין רעסטאָראַן איז געוואָרן ליידיק און העל, און מיר, אַ קאָמפּאַניע פון דריי פּערזאָן, האָבן זיך אין אונדזער ווינקל געפילט באַזונדערס היימלעך.

מ'האָט גערעדט וועגן ליטעראַרישער קריטיק.

— איך דערקלער אָפן, אַז איך בין אַ טענדענציעזער שרייבער. מיט אַלע מיינע ווערק, מיט אַלע מיינע לידער האָב איך שטענדיק אַ ציל צו דערגרייכן אַ באַשטימטן געדאַנק, אַ באַשטימטע אידייע. נאָך מער, איר מעגט מיר גלויבן, אַז די אידייע, דעם אַבסטראַקטן געדאַנק האָב איך פריער איידער איך האָב די בילדער. די בילדער באַשאַף איך נאָר כדי צו אי־לוסטרירן דעם געדאַנק. די בילדער נעם איך פון מיין פאַרגאַנגענהייט, פון דעם וואָס איך האָב געהערט און געזען . . . אַזוי בין איך אין אַלע מיינע ווערק . . .

— איך האַלט בכלל, — האָט פּרץ פאָרגעזעצט, — אַז נאָר דער שרייבער איז באַדייטנדיק, אין וועמעס ווערק עס זיינען פאַראַן באַדייטנ־דיקע אידייען. קלייניקייטן בלייבן קלייניקייטן, ווי שיין זיי זאָלן נישט ווערן געשילדערט.

— אין דער אַנטוויקלונג פון מיין אייגענעם טאַלאַנט זע איך דריי תקופות, דריי פּעריאָדן: דער ערשטער איז געווען רחמנות. איך האָב געזען דעם אָרעמען דערשלאָגענעם יידן, זיין דלות, זיין דחקות, זיין נויט. האָב איך מיט אים מיטלייד געהאַט. האָב איך געוואָלט צו אים מיטלייד דערוועקן. האָב איך געשריבן דעם „משולח״, „האשה מרת חנה״, „אין אַ טויטער שטאָט״. די צווייטע פּעריאָדע איז געווען כעס. איך בין געווען אויפגעבראַכט אויפן יידן, פאַרוואָס שווייגט ער. איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטייען זיין דערשלאָגנקייט. האָב איך געשריבן „דאָס שטריימל״, „באָנ־צע שווייג״, „אויף אַ זומער־וואוינונג״. שפּעטער האָט זיך אין יידישן פאָלק אָנגעהויבן עפּעס רירן. ס'האָבן זיך באַוויזן די שטרעמונגען, ס'האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן נייע געדאַנקען. דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן אויס־דריקן אין מיינע ווערק פּראָבלעמען פון דעם יידישן לעבן.

— און ווי קומט איר צום סימבאָליזם? אין די יאָרן 1904־1907 מערקט זיך ביי אייך אַ שטאַרקער סימבאָליסטישער שטראָם. איז דאָס נייט געווען אפשר די ווירקונג פון אַ גרויסן אייראָפּעיאישן סימבאָליסט?

אויף פּרצעס ליפּן באַווייזט זיך אַ פריינטלעכער ווייכער שמייכל. ער שווייגט עטלעכע סעקונדן.

— ניין, מיין פריינד. דאָס איז געגאַנגען נייט פון אויסווייניק, נאָר פון אינעווייניק. דאָס האָט אַ נייער אינהאַלט געזוכט פאַר זיך נייע פאָרמען. איר האָט מסתמא באַמערקט, אַז די פרוי — די העלדין אין מיינע בעסטע דריי סימבאָליסטישע זאַכן: „עס זיינען קיין וואונדער געשען״, „ליבע״ און „אין פּאָליש אויף דער קייט״ — איז כמעט איין פּערזאָן. דאָס איז נייט קיין אויסגעטראַכטע פיגור: זי איז געקומען פונעם לעבן, אַ פּויליש־יידישע פרוי, מיט טיפע יידישע אויגן . . . אַז איר וועט זיין אין וואַרשע, וועט איר זיך מיט איר באַקענען.

— אייגנטלעך, ווער עס וויל באמת פאַרשטיין מיינע ווערק, דער מוז פאָרן קיין זאַמאָשטש. מען מוז קענען דאָס דאָזיקע שטעטל מיט זיינע יידן, מיט זיין אַלטער שול, מיט זיין פעסטונג, מיט דער נאַטור אַרום און אַרום, כדי מען זאָל האָבן אַ שליסל צו אַ גרויסן טייל פון מיינע שריפטן... מיין לירישע פּאָעמע „צוריק אין דער אַלטער היים״ איז געשריבן אונטער דער ווירקונג פון מיין נסיעה קיין זאַמאָשטש . . .

— וועלכע שטרעמונג אין אייער ליטעראַרישער אַרבעט האַלט איר פאַר דער וויכטיקסטער?

— איר האָט אַליין געזאָגט, אַז מיין טאַלאַנט איז ווי עטלעכע שטראָמען, וואָס לויפן איינער לעבן דעם אַנדערן. מיר איז יעדער שטראָם, אַפילו דער קלענסטער, ליב און טייער. און זאָל זיך געפינען אַ קריטיקער, וואָס וועט מיר דערוויזן, אַז איינער פון די שטראָמען איז אויסגעטריקנט, אַז איינער פון די פעדעמער איז איבערגעריסן, וועל איך באַלד, אים און דער וועלט אויף צו להכעיס, אויפהייבן גראָד דעם איבערגעריסענעם פאָדעם און אים ציען ווייטער, — איר וועט שוין זען . . .

אין דעם ענטפער, האָט זיך ווי עס ווייזט אויס, אַרויסגעוויזן דער גאַנצער פּרץ, פול מיט ענערגיע, פול ווי אַ יונגער בוים מיט מעכטיקן לעבנס־זאַפט, באַהאַרצט דורך יוגנטלעכן שטאָלץ און יוגנטלעכער דרייסט־קייט — איז ער גרייט געווען צו קעמפן קעגן דער גאַנצער וועלט, קעגן זיך, קעגן גאָט אַליין — און וועט בלייבן זיגער.

***

עס איז שוין באַלד געווען טאָג. מיר האָבן גערעדט פון פּשוטע מאַ־טעריעלע זאַכן. איין פראַזע האָט מיך ווי הייסע קוילן אָפּגעבריט:

— ווען איך האָב, — זאָגט פּרץ, — געזיכערטע 300 רובל אַ חודש, וואָלט איך אָוועקגעוואָרפן וואַרשע און וואָלט זיך באַזעצט אין אַ דאָרף, וואָלט איך ערשט געקאָנט שרייבן!

איר פאַרשטייט, וואָס דאָס הייסט געזיכערטע 300 רובל! ס'איז שוין אַרויס 9 בענד געזאַמלטע שריפטן פון פּרץ, — גרויסע דיקע בענד. עס גרייטן זיך צום דרוק נייע דריי, — און ער חלומט וועגן געזיכערטע 300 רובל אַ חודש, כדי ער זאָל קאָנען אָוועקוואַרפן די אַרבעט אין דער וואַרשעווער קהילה און אַרויספאָרן אין אַ דאָרף אַריין.

נייך, זאָגט איך וואָס איר ווילט — ייִדן שעצן נישט זייערע גרויסע קינסטלער.

1912.

געשטאָרבן פּרץ!

פּרץ איז געשטאָרבן. ס'איז שרעקלעכער אומזין!

ער איז דאָך נאָך גאָר ניט אַלט געווען. ער איז דאָך געווען פול מיט קראַפט און פייער. ער האָט דאָך געהאַלטן אין מיטן אַן אומרואיקער פילפאַרביקער אַרבעט.

פּרץ איז געשטאָרבן! אַזוי ווייט איז געווען דער געדאַנק פון טויט, ווען מען האָט געקוקט אויף פּרצן. אין דעם ענערגישן, נאָך ניט גאַנץ־גראָען קאָפּ, אין די יינגלישע פּראַכטפולע אויגן, אין דעם גאַנצן רייכן שפּיל פונעם פּנים איז געווען אַזוי פיל יוגנט, לעבן, האָפענונג, שטרעבונג, לוסט! פּרץ — און טויט, פּרץ — און אַ קאַלטער קבר! ס'איז שוי־דערלעכער אומזין!

אויף אַ יום־טוב פון יונגע אַרבעטער אין ווילנע האָט מען אַמאָל באַגריסט פּרצן. די גאַנצע פאַרזאַמלונג איז געווען ווי משוגע פאַר שמחה. ער איז נאָך געווען אויף די טרעפּ, מען האָט נאָך ערשט געהערט, אַז ער גייט, האָט מען שוין אָנגעהויבן שרייען ווי ווילדע: „פּרץ, פּרץ, פּרץ!" עס איז געווען איין איינציקער געשריי, ווי פון איין איבערפולטער ברוסט. אין אַ באַגריסונג־רעדע האָט איינער בטעות געזאָגט, אַז פּרץ איז אַלט פיר און זעכציק יאָר. ווען פּרץ האָט נאָכדעם געענטפערט, האָט ער אָנגעהויבן האַלב אין שפּאַס:

— איך האָב אַ טענה צום רעדנער. ער האָט מיך געמאַכט עלטער אויף צוויי יאָר. אין מיין עלטער איז דאָס גאָר ניט אַזאַ קלייניקייט. עס איז נאָך דאָ אַזוי פיל צו טאָן, און דאָ קומט איינער און נעמט ביי מיר צו גאַנצע צוויי יאָר . . .

אין די ווערטער איז געווען דער גאַנצער פּרץ. „ס'איז נאָך דאָ אַזוי פיל צו טאָן..." אין אים האָט געקאָכט און געברויזט אַזאַ רייכע וועלט. אַזוי לעבעדיק געשפּרודלט האָט דער קוואַל פון דער שאַפונג. און אַלע מאָל נייערע, און אַלע מאָל רייכערע האָריזאָנטן האָבן זיך פאַר די אויגן

געעפּנט. און ער האָט געאײלט צו דערצײלן אונדז אַלעמען, וואָס עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אים.

יונג איז ער געווען, אונדזער פּרץ, ווי אַ קרעפּטיקער בוים, וואָס האַלט אין בליען און פּלוצלונג — דער אומזיניקער טויט . . .

געשטאָרבן פּרץ. געשטאָרבן ניט נאָר אַ דיכטער, אַ דראַמאַטורג, אַ ליריקער, אַ שאַפער פון די פאָלקסטימלעכע געשיכטן, אַ פאָטער פון אַ נײַער ריכטונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור; געשטאָרבן ניט נאָר אַ דענקער און אַ פּובליציסט און געזעלשאַפטלעכער מענטש, געשטאָרבן ניט נאָר אַ ברילױאַנטענער פרײַנט — אַ האַרציקער נאָענטער פרײַנט צו אונדז אַלעמען, — געשטאָרבן אַ גאַנצע וועלט. פּרץ איז געווען מער איי־דער די סומע פון זײַנע אַלע אויפטוען אין אַ משך פון צענדליקער יאָרן. איר האָט שטענדיק געפילט, אַז ער איז רײַכער, אַז ער פאַרמאָגט נאָך גרעסערס און וויכטיקערס. איר האָט שטענדיק געוואוסט, אַז וואָס מער איר וועט זיך פאַרטיפן אין זײַן וועלט, אַלץ מער וועט איר געפינען, אַלץ גרעסערע אוצרות וועלן אויפלײַכטן פאַר אײַערע אויגן.

און עס איז געווען אַ פרייד און אַ שטאָלץ צו וואַנדערן איבער אָט דער גרויסער וועלט און צו זען אירע וואונדער.

געשטאָרבן פּרץ. די ייִדן פון רוסלאַנד וועלן זײַן טויט באַגעגענען מיט אַ האַרץ־ווײ. אין גרויסער טרויער איבער דעם אײנעם טויטן וועט אויף אַ ווײַלע פאַרשטעלן דעם טרויער איבער טויזנטער קלענערע לעבנס, וואָס קומען איצט אום. אין דעם חושך פונעם ייִדישן לעבן איז פאַרלאָשן געוואָרן אַ גרויסער שטערן.

צי וועלן טרויערן די ייִדן אין אַמעריקע? צי קענען זיי פּרצן? צי ליבן זיי פּרצן? צי איז ער צונויפגעוועבט מיט זייערע נשמות? צי ירט ער אָן די איידלסטע סטרונעס פון זייער האַרצן?

עס רוישט און עס הוזשעט דאָס ייִדישע ניו־יאָרק. עס גיסן זיך שטראָמען מענטשן. פילן זיי אַ ווייטאָג? ווייסן זיי, אַז עס איז אַוועק־געגאַנגען אַ גרויסער מענטש ביי ייִדן? וועלן זיי קומען אַהיים און דער־ציילן זייערע קינדער, אַז הײַנט איז אַ באַזונדערער טאָג?

עס רוישט די שטאָט, עס ברומט די גאַס. האָט דער שמערץ כאָטש אויף איין רגע פאַרטונקלט פאַר איר דאָס ליכט פון טאָג?

געשטאָרבן פּרץ.

עס איז אַזוי שווער צו רעדן ביי אַן אָפענעם קבר. עס איז אַזוי

שמערצלעך צו דערציילן דאָס, וואָס יעדער ייד וואָלט געדאַרפט לאַנג וויסן און לאַנג אַריינגעמען ווי אַ הייליקע זאַך אין זיין נשמה אין זיין קודש קדשים.

ווער איז פרץ ? דאָס איז דער מאַן, וואָס האָט געהאָלפן דעם יידישן פאָלק צו באַקומען מער אַכטונג צו זיך אַליין. דאָס איז דער מאַן, וואָס האָט אויפגעהויבן דאָס יידישע פאָלק אויף אַ העכערער שטופע פון מענטש־לעכן לעבן.

ער האָט דאָס געטאָן ניט דורך אַגיטאַציע, ניט דורך געזאַנגען וועגן „אתה בחרתנו“. ער האָט גענומען די אָרעמע יידישע פאָלקס־שפּראַך און האָט געזאָגט: איך באַשאַף פון דיר אַ כלי שלמה, אַ וואונדערבאַרן ווערקצייג אויסצודריקן אַלע העכסטע און טרעפלעכסטע און הייליקסטע געפיל און געדאַנקען און טרוימען און זוכענישן און מאַטערנישן פון אַ היינטיקער מענטשלעכער נשמה. און אַזוי איז געוואָרן. און די שפּראַך האָט אָנגעהויבן דופטן מיט בלומען און ליכטן מיט זונענשיין און קלינגען מיט טויזנטער טענער. און ער איז צוגעגאַנגען צום אוצר פון דער פאָלקס־נשמה און האָט געזאָגט: איך נעם אַרויס פון דיר דאָס טייערסטע און שענסטע, וואָס עס ליגט אין דיר באַהאַלטן, און איך וועל עס איבערשמעלצן אין דעם פורעם פון מיין גייסט און וועל וויזן דער וועלט, און זאָל זי וויסן, וואָס פאַר אַן אוצרות מיר פאַרמאָגן. און אַזוי איז געווען. און אַ גאַנצע מתנה פון פאָלקס־געשיכטן און פאָלקס־לעגענדן פון פאָלקס־טימלעכע דערציילונגען און פאָלקס־דיכטונגען האָבן אָנגעפילט אונדזער וועלט און האָבן דערוועקט אונדזער וואונדער און אונדזער פרייד און אונדזער שטאָלץ.

פרץ האָט אונדז רייך געמאַכט מיט דער רייכקייט פון אונדזער אייגן פאָלק. און פרץ האָט מער געטאָן פאַרן יידישן פאָלק איידער גאַנצע דורות.

געשטאָרבן פרץ. געשטאָרבן אַ גרויסער ייד. דער ייד האָט זיך אָבער ניט אָפּגעצאַמט פון דער אַרומיקער וועלט. פרץ, דער יידישסטער פון אַלע יידן, איז געווען דער מאָדערנסטער אייראָפּיאישער מענטש פון אַלע זיינע יונגע חברים. פרץ האָט גענערט זיין קאָפּ פון דער אייראָ־פּיאישער קולטור און זיין האַרץ — פון דער יידישער. האָט זיך באַקומען דאָס שיינע און אידעלע און האַרמאָנישע, וואָס באַצויבערט אייך אין זיין שאַפן. פרץ האָט געטרוימט פון אַ פאָלק, וואָס לעבט זיין אייגענעם ניט־

צעבראָכענעם קולטור־לעבן, אָבער אין אַט דעם לעבן האָט ער איבער־געטראָגן אַלדאָס בעסטע, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט געפינען איבער דער גרויסער ברייטער וועלט, אין אַלע צייטן, זינט די מענטשן האָבן אָנגע־הויבן שאַפן דאָס שיינע און דאָס גרויסע.

פּרץ אַליין איז געווען די גאָלדענע קייט, וואָס פאַרבינדט דאָס יידישע פאָלק מיט דער גרויסער אַלוועלטלעכער קולטור.

פּרץ איז געשטאָרבן. די יידישע אַרבעטער וועלן באַגעגענען זיין טויט מיט באַזונדערן שמערץ. וואָרום פּרצעס האַרץ איז שטענדיק גע־ווען מיט זיי, מיט די קעמפער פאַר פריהייט. זיינע געדאַנקען האָבן פאַר אים געמעגט אויפבויען טעאָריעס, וואָס זיינען געווען פרעמד צו די אַר־בעטער, זיין נשמה האָט אָבער שטענדיק געקלאַפּט אין טאַקט מיט די קעמפנדיקע מאַסן, וואָס בויען אַ ליכטיקע צוקונפט. פּרץ האָט ניט נאָר מיט ווערטער, ניט נאָר מיט גאָלדענע לידער, נאָר אויך מיט טאַטן געהאָלפן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז געווען „אונדזער״ פּרץ אין די רייען פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

געשטאָרבן פּרץ. אָבער נאָר ניט וויינען. נאָר ניט קלאָגן. ניט דערמיט קאָנען מיר ערן דעם אָנדענק פון פּרץ. לעבן דאַרפן מיר — אַזוי איז פּרצעס צוואה, אַזוי איז געווען דער גייסט פון פּרצעס אַרבעט. לעבן — דאָס הייסט קעמפן. דאָס הייסט בויען אַ ניי יידיש לעבן; דאָס הייסט איבערפלאַנצן צו אונדז אַלדאָס בעסטע, וואָס לייכט אין דער מענטשהייט. לעבן — דאָס הייסט — ליבן דעם מענטשן, ליבן דעם פאַר־פאָלגטן און פאַרשקלאַפטן, העלפן אים דערפילן דעם מענטש אין זיך, אויסגלייכן דעם רוקן און גיין פאָרווערטס צום ליכט, צו דער זון . . .

6טן אַפּריל, 1915.

פּרץ דער ליריקער

אין דער גאַנצער פּרצעס ליריק איז ניטאָ קיין איינציקער חסידישער מאָטיוו און קיין איינציקע לעגענדע (אויב ניט רעכענען די תּלמודישע „רבי חנינא בן דוסא״). זייער ווייניק פּלאַץ פאַרנעמט דאָרט אויך די באַלאַדע: אַחוץ „אין קבר״ איז דאָ נאָך איין „מאָניש״ — מער אַ סאַטירישע שטיפעריי, ווי אַ באַלאַדע. פון דעם גאַנצן געוועב פון פאָלקס־שאַפן, וואָס ציט זיך דורך די איבעריקע פּרצעס ווערק, געפינען מיר אין זיין ליריק אַזוי גוט ווי גאָרניט.

דערפון איז שוין קלאָר, אַז אין דער ליריק איז ניטאָ דער גאַנצער פּרץ. וואָלט עמעצער געוואָלט אויסטיילן די לירישע זאַכן און פון זיי אַליין זיך בילדן אַ פאָרשטעלונג וועגן דיכטער, וואָלט דאָס בילד אַרויסגעקומען פאַרשוואומען און מטושטש. פּרצעס אייגנאַרטיקייט ליגט אויף אַן אַנדער פעלד. גיכער שוין וואָלט מען געקאָנט אָנטאַפּן דעם דופּק פון זיין שאַפן אין אַ „גאָלדענע קייט״ אָדער אין די איבעריקע מיסטישע דראַמעס און דראַמאַטישע פראַגמענטן, איידער אין דער ליריק.

און פונדעסטוועגן איז פאָרט נייטיק אויסצוטיילן די ליריק און זי באַטראַכטן באַזונדער. דאָס איז דערפאַר, ווייל זי בילדעט געוויסערמאַסן אַ וועלט פאַר זיך. אין איר זיינען אייניקע מאָטיוון אויסגעדריקט ענערגישער, פולער, פאָלקאָמענער, איידער אין די פּראָזאַאישע ווערק. און ווידער געפינען מיר אין איר אַזוינע מאָטיוון, וואָס אין די איבעריקע ווערק זיינען זיי ניטאָ, און וואָס פּרץ דערשיינט אין זיין אין אַן אומגעריכטער באַלייכטונג.

⁂

עס וואָלט געווען אַ דאַנקבאַרע אויפגאַבע אויסצופאָרשן, אין וועלכע פאַלן און אויס וועלכן איבערווייניקסטן דראַנג פלעגט פּרץ פון צייט צו צייט איבערגיין צו ליריק. דאָס וואָלט אפשר געגעבן אַ שליסל צו פילע פּראָ־

בלעמען פון זיין מערקווירדיקער קינסטלער־נאַטור. ליידער האָבן מיר נאָך צו ווייניק מאַטעריאַלן וועגן זיין פערזאָן און זיין אינעווייניקסטן לעבן, אַז אַזאַ אַרבעט זאָל זיין מעגלעך. איינס קאָן מען אָבער אָנמערקן שוין איצט: צו דער ליריק האָט פרץ געצויגן, באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן, דער ווונטש צו זיין מיט זיך אַליין, מיט זיך אין גאַנצן.

מיר ווילן דערמיט ניט זאָגן, אַז אין די איבעריקע צווייגן פון זיין שאַפן איז פרץ ניט געווען אויפריכטיק. דאָרטן איז אים אָבער אויסגעקומען מערסטנטיילס צו סטיליזירן, צו שרייבן אינעם גייסט און אין דער געדאַנקען־אַרט פון די פאַרצייטיקע יידן. אמת, אויך דאָרט בלייבט ער ניט אינגאַנצן באַהאַלטן הינטער זיינע „העלדן". יוחנן דער מלמד, למשל, איז ביי אים צו אַ גרויסער פקח. ער פאַרשטייט צו פיל, ער איז צו אַ היינטוועלטיקער חקרן, אַז איר זאָלט הינטער אים ניט פילן פרץ דעם דענקער. אַפילו דורך ר' שלמהן אין דער „גאָלדענער קייט", מיט זיין פילאָסאָפיע פון „שבתדיקע, יום־טובדיקע, נשמה יתרהדיקע יידן", קוקט אַרויס פרץ דער מאָדערניסט, וועלכער טרוימט וועגן אַ גאַנצן מענטשן און אַ גאַנצער מענטשהייט. דאָס איז דאָך אייגנטלעך געווען דער צוועק, צוליב וואָס פרץ האָט געשאַפן די אַלע זאַכן. אָבער דאָך איז אים אויסגעקומען אין זיינע חסידישע מעשהלעך און אין זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטן צו קוקן דורך די אויגן פון אַ פאַרגאַנגענער צייט, צו ריידן מיט דער שפראַך פון אַ פאַרשוואונדענער עפּאָכע. ער האָט דערביי, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט זיין „באַטור־געטריי" און האָט בשום אופן ניט אין זינען געהאַט צו פאַרקערפערן די „היסטאָרישע ווירקלעכקייט" ווי זי איז געווען. אָבער סטיליזאַציע בלייבט דאָך פאָרט אַזאַ אַרט שרייבן, וואו דער דיכטער מוז איינשרענקען זיך אַליין, מוז זיך האַלטן אין געוויסע ראַמען.

איז אָבער פרץ געווען צו רייך מיט בילדער, געדאַנקען, שטימונגען, זוכענישן, זיין גייסט האָט צו שטאַרק געפלאַקערט אין אַלע צייטן, אַז ער זאָל קענען בלייבן אין ראַמען. פלעגט ער זיך אַוועקלאָזן זוכן אַנדערע אויסדרוקס־פאָרמען. האָט ער געשאַפן אַזוינע זאַכן, וואָס די ליטעראַרישע קלאַסיפיקאַציע וועט זיך לאַנג ברעכן דעם קאָפּ, וואוהין זי זאָל זיי צורעכענען: „קלאָץ־געשיכטן", „די רויז", „וואָס הייסט נשמה" — האַלב פעליעטאָנען, האַלב געדיכט אין פראָזע, אַלץ צוזאַמען אַ שנירל קאַליידאָסקאָפּישע בילדער, אַ שפּיל פון באַטראַכטונגען און וואונקען און געדאַנקען.

האָט אָבער, קענטיק, אויך אָט דאָס שפּיל ניט איבגאַנצן באַפרידיקט פּרצן. פלעגט ער מאַכן ליריש פּראָבן.

פון אָנפאַנג, אין די ערשטע צען־פופצן יאָר פון זיין שרייבן יידיש, האָט פרץ, ווייזט אויס, זיך איבערהויפט געהאַלטן פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן ליריקער, פאַר איינעם, וואָס זיין אַרבעט ווערט באַטירלעך אויסגעדריקט אין לידער (איז דאָך דאָס ערשטע יידישע ווערק זיינס געווען „מאָניש“, אַ באַלאַדע אין גראַמען). שפּעטער האָט דעם איבערגעוויכט ביי אים געוואונען די פּראָזע, און צו דער ליריק פלעגט ער זיך אומקערן גאָר זעלטן. פאַר די לעצטע יאָרן קאָן מען אָנרעכענען נאָר איינצלנע פּרצעס לירישע זאַכן. און גראָד אין זיי דערגרייכט ער צו אַזאַ טיפן פּאַטאָס און צו אַזאַ דערגרייפנדער אויסדרוקספאָרם, וואָס מאַכט זיי פאַר די פאָל־קאָמענסטע פון זיינע ווערק.

און דאָך מוז באַמערקט ווערן, אַז פּרץ איז ניט קיין לידער־שריי־בער אינעם אייגנטלעכן זין פונעם וואָרט. ער איז ניט מסוגל צו זיין גע־בונדן צו דער פאָרם. ער האָט אפשר גאָר קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן אַ וואויל־קלינגענדיקן אויסדרוק. ער איז איבערהויפּט ניט פעאיק געווען צו גיין אין שפּאַן פון אַ געוויסן ריטם. דעריבער איז אין זיינע לידער אַזאַ שטענדיקער קאַמף צווישן ריטם און אַריטמיע; דעריבער איז זיין שפּראַך אַזוי אומגלייך, אַזוי שפּרינגענדיק, אַקוראַט ווי אויפן וועג ביי אים ליגן כסדר בערגלעך און גריבער. ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן, אַז זיין שפּראַך ברעכט זיך, ווערט איבערגעריסן דורך אומבאַ־שטימטע פויזעס, כדי ווידער צו דערשיינען פאַר אונדז אין איר אומ־רואיקן פולסירן. איר וועט כמעט ניט געפינען ביי פּרצן אַ ליד, וואו דער טאָן און דער כאַראַקטער זאָל זיין אויסגעהאַלטן פונעם ערשטן ביזן לעצטן וואָרט. און געפינט איר דאָס שוין יאָ, מוזט איר זיך זאָגן, אַז דאָס האָט ניט געהערט צו די בעסערע אין פּרצעס ליריק.

אַזוי זיינען זיינע אייניקע לידער אין פּראָזע: „עס זיינען קיין וואונדער געשען“, „ליבע“, „גיי ניט מיט מיר“. די דאָזיקע לידער זיינען דווקא סטיליסטיש פאָרענדיקט, געשלאָסן אין זיך, זיי זיינען אָבער ניט פּרץ! זיי דערמאָנען הירשביינען, זיי דערמאָנען די רוסישע מאָדערניסטן. זיי זיינען מעלאָדיש, זייער ריטם פליסט גלאַט, אָבער אין זיי איז דאָ אַ סך מעלאָדעקלאַמאַציע, און צו פּרצעס איבעריקע ווערק פּאַסן זיי זייער

וויניק. מען פילט, פרץ האָט זיך דאָ צוגעפּאַסט צו דעם סטיל, ניט דעם סטיל צו זיך.

דאָרט, וואו פרץ האָט געוואָלט ניט אַראָפּלאָזן זיך און ניט סטיליזירן, איז אים געווען שווער בייצוקומען די שפּראַך. ער האָט מיט איר געהאַלטן אין איין קעמפן. ער האָט ניט געקאָנט אַריינלייגן אין איר אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן. עס איז אים געווען ווייניק ווערטער, ווייניק רייכטום פון פאָרמען. ער האָט אַלעמאָל צעריסן דעם מאַנטל פון דער שפּראַך.

אפשר קאָן מען אים אין דעם פּרט פאַרגלייכן מיט בעטהאָווענען, ווי עס האָט אים געמאָלט אַ רוסישער שריפטשטעלער. בעטהאָווענען האָבן ניט צופרידנגעשטעלט די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, וואָס האָבן עקזיסטירט אין זיין צייט. ער האָט אין זיי ניט געפונען גענוג מעגלעכקייט אויסצודריקן דעם גאַנצן ברייטן מוזיקאַלישן שוואונג פון זיין פאַנטאַזיע. ער איז געווען פאַרביטערט אויף דעם „קנעכט“, דעם אינסטרומענטן־מייסטער, וואָס ס'איז אים ניט איינגעפאַלן צוצומאַכן נאָך אַן איבעריקע סטרונע. ער האָט געפירט אַ שטרייט קעגן דער אומגענוגנדיקער מוזיקאַלישער „מאַטעריע“ אינעם נאָמען פונעם מוזיקאַלישן „גייסט“.

דער דאָזיקער קאַמף דערקלערט אונדז אפשר, פאַרוואָס פרץ האָט דאָך ניט געקאָנט בלייבן אַ לאַנגע צייט אויפן פעלד פון לידער. אים איז אויך דאָ געווען ענג. אים האָט געדריקט די ראַם פון ווערטער.

און אַזוי האָט ער געהאַלטן אין איין זוכן און פאַרוואַרפן און ווידער אויפנעמען און ווידער פאַרלאָזן. און עס וואונדערט אונדז גאָרניט וואָס אַלעמאָל, ווען פרץ קומט צוריק צו דער ליריק, זעען מיר אים אין אַ נייער פאָרם, מיט נייע מאָטיוון. „דער גרויסער פראָבן־מייסטער“ האָט אים אָנגערופן אַ יידישער קריטיקער.

***

די גרעסטע איינהייטלעכקייט מערקט זיך נאָך אין זיינע סאַטירישע לידער, וואָס שטאַמען הויפּטזעכלעך פון דער ערשטער צייט פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. דאָ האָבן מיר פאַר אונדז פרץ דעם שטראָפער, פרץ דעם פּראָטעסטירער קעגן אומווויסנקייט, אונטערטעניקייט, שוואַכקייט, דעם קעמפער קעגן אומגערעכטיקייט אין סאָציאַלן לעבן. ער לאַכט פון

די „נאַכט־וועכטער", די פרומע פאָלקס־פירער, וואָס ווילן האַלטן דאָס פאָלק אין דער פינצטער; ער שפּעט פון דער אמונה, וואָס האַלט אין אירע הענט געבונדן די חכמה און וואָס איז גרייט צו פאַרברענען אויפן שייטערהויפן דעם אמת, אויב ער וועט פּרוּוון אויפדעקן אַ פאַלשקייט; ער שיט ביטערע סאַרקאַזמען אויף די נעבעכדיקע קרבנות, וואָס פאָלגן דעם באַפעל פון די שטאַרקע . . .

אַלטע מאָטיוון. זיי קאָן מען געפינען אין אַלע ווערק פון די משכילים. וועגן זיי האָבן „געזונגען" אויך אַנדערע, בייערע, דיכטער. אָבער אין פּרצעס לידער באַקומען זיי אַן אומדערוואַרטעטע פרישקייט, אַן אייגנ־אַרטיק לעבן. דער דיכטער אָפּעריִרט מיט אַבסטראַקציעס. ער האָט אָבער די אַבסטראַקציעס באַפּייטשט מיט דעם זאַפט פון זיינע נערוון — איז אין זיי אַריינגעקומען אַ ביי לעבן.

באַטראַכט נאָר „דעם לייבס לוויה". דער לייב איז קראַנק. דער גרויסער טרעגער פון דער וואַלד־אידייע האַלט ביי דער גסיסה. דער וואַלד איז פאַרציטערט, די חיות זיינען אַלע טרויעריק: זייער הערשער, זייער שטרענגער מושל גייט פון זיי אַוועק.

„ביי די חיות שטאַרבט דאָס בלוט,
און דער זאַפט — ביי ביימער,
אין בערלאָגע גיסט דער בער
טרערן גאַנצע עמער" . . .

דורך עטלעכע ווערטער ווערט געשאַפן אַ גאַנץ בילד. דער קאַמיזם פון דער לאַגע טרעט אַרויס דייטלעך. און אָט נעמט דער לייב זאָגן ווידוי:

„גראָבע, פרומע טרערן פאַלן
אויף די אַלטע בעק,
אויפן מעבר־יבוק ווערט
פון איטלעכן אַ פלעק".

די ביימער שאָקלען מיט די קעפּ און פרעגן זיך: ווער וועט האָבן דעם זכות, פון זיך אַן אַרונדל פאַרן צדיק צו געבן? די פעלזן קרעכצן:

ווער פון זיי וועט צושטעלן די מצבה? טעפּ פליען אין דער לופטן, ברעכן זיך אויף שטיקלעך: ווילן דעם צדיק לייגן שערבלעך אויף די אויגן. דער פלאַקס אין די פעלדער האָט אַ טענה: פאַרוואָס אים נישט נעמען אויף תכריכים?

„בראָזעס זיפצן, דעמבעס קרעכצן,
אַז עס פּלאַצט די קאָרע,
אין די ווינטן, דאַכט זיך, וואָיען
הינט אַ גאַנצע סוואָרע" . . .

דאָס בילד איז פאָלקאָם. עס איז אַ בורלעסק, אַ שאַרזש. עס איז אָבער דורכגעפירט מיט אַ גרויסער מייסטערשאַפט. דאָס בילד שניידט זיך איין אין זכרון.

אין זיינע סאַטירישע לידער דערגרייכט פרץ אָפּט צו אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט פון עקספרעסיע. די ליניעס צייכענען זיך ביי אים שאַרף, די קאָנטורן אויסגעפיילט בולט.

מאי — נאָר ער איז אין טאָלעדאָ געוועזן,
און דאָרט איז ניט הימלעך די נאַכט . . .
עס ציטערט דער הימל . . . לבנה און שטערן
שווימען דערשראָקן, פאַרשמאַכט . . .

מאַי — נאָר ער איז אין טאָלעדאָ געוועזן,
וואו פרעכע מאַרמאָרנע ריזן
שטעכן מיט חוצפה דעם הימל דעם בלאָען
מיט גאָלדענע, קרייציקע שפּיזן.

מאַי — נאָר עס סודען זיך דאָ ניט קיין בלומען
די גלאָקן — זיי מאַכן זיי טויב! . . .
עס טראָגט דער זעפיר נאָר אַש פון נשרפים,
פון אויטאָ־דאַ־פעען דעם שטויב!

די ווערטער גיבן דאָ מער, ווי עס איז אַנטהאַלטן אין זייער דירעקטן זין. די ווערטער גיבן דעם ריטם פון דער פרילינגס־נאַכט אין דער איב־

קוויזיציע־שטאָט טאָלעדאָ. עפּעס דורך אַ וואונדערבאַרן שאַפונגס־סוד ווערט אַריינגעטראָגן אין די געוויינלעכע ווערטער אַ הויך פון אָט־דעם אַלטן היסטאָרישן פּלאַץ, וואו צלמים שטעכן דעם הימל ווי שפּיזן.

די זעלביקע אומגעוויינלעכע אויסדרוקס־קראַפט באַגעגענען מיר אויך אין פּרצעס עטלעכע אַרבעטער־לידער. מ׳האָט פיל געשריבן וועגן אַ נייטאָרין ביים וואַרשטאַט. אָבער ס׳אַראַ פרישקייט און אויפריכטיקייט און אייגנאַרטיקייט אין דעם געזאַנג פון דער מיידל:

„בלאַס איז דאָס זיידנצייג, פּונקט ווי מיין פּנימל,
דורכזיכטיק־דין, ווי מיין הויט . . .
רירט מען עס, קרעכצט עס „אוי״, פּונקט מיינע ביינדעלעך״...

אָדער וויפל בילדלעכקייט עס איז דאָ אין די ווערטער וועגן „ליפּן, וואָס שיילן זיך, ברענען פון אייביקע זאָרגן״. אין דעם ליד וועגן די צוויי ברידער, פון וועלכע איינער האָט געצאַפּט ביים צווייטן בלוט, האָט פּרץ ניט מורא געהאַט צו דערציילן, ווי דאָס ווערט געטאָן:

„אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — דו האָסט שוין אַ קרעל״.

די גאַנצע סעריע לידער „ביי אַ פרעמדן חופּה־קלייד״ — די גראַציעזע, קאַפּריזנע, דופּטיקע מישונג פון ריטמען, קלאַנגען, מעלאָדיען, מאָטיוון געהערט צו די שענסטע פון אַרבעטער־ליריק. פּרצן איז דאָ אויפן בעסטן אופן געלונגען צו פאַראייניקן דאָס אַבסטראַקטע מיט דעם קאָנקרעטן, דאָס אַלגעמיינע מיט דעם אינדיווידועלן.

דאָס איז דאָך אייגנטלעך געווען די גאַנצע אויפגאַבע פון פּרצעס שאַפן.

*
**

שוואַכער זיינען זיינע ליבעס־מאָטיוון און נאָך שוואַכער זיינע איבערזעצונגען פון די נביאים און פון נאַדסאָנען. שוין אָט די קאָמבינאַציע: איבערזעצונגען פון ישעיה און יחזקאל און איבערזעצונגען פון דעם סענטימענטאַל־ווייכן, באַנאַל־פאַרחלומטן רוסישן דיכטער נאַדסאָן — זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר פּרצעס אייביקן טאַפּן, זוכן און פּרובירן. פּרץ איז אָבער ניט געווען קיין איבערזעצער. צו אַן איבערזעצונג דאַרף מען קודם־כל האָבן אַ פאָלקאָמענע הערשאַפט

איבער דער שפּראַך. די פאָרם דאַרף זיך געבן פון זיך אַליין. דאָס איז ביי פּרצן ניט געווען. דערצו האָט פּרץ איבערהויפּט ניט געקאָנט אַריינ־לעבן זיך אין יענעמס גייסטיקער אַטמאָספערע. אפשר דערפאַר זיינען אים אויך ניט געלונגען זיינע ליבעס־לידער, וועלכע ער האָט געוויסער־מאָסן נאָכגעדיכטעט נאָך היינען. פאַראַן דיכטער, וואָס קאָנען זיך אַזוי אָנשטעקן מיט יענעמס אַ שטימונג, אַז זי זאָל ווערן זייער אייגענע און געפינען נאָך דעם אַן אויסגעצייכנטן אויסדרוק. פּרץ האָט ניט געהערט צו זייער סאָרט. פּרץ האָט זיך געפילט גוט אין דער גייסטיקער אַטמאָס־פערע פון אַ גאַנצן פאָלק, ווייל דאָ איז פאַר אים געווען אַ רחבות. אָבער אַריינלעבן זיך אינעם גייסט פון אַ יחיד, מעג דער יחיד זיין אַפילו אַ ישעיה אָדער אַ יחזקאל, דאָס האָט ער ניט געקאָנט.

זיינען טאַקע זיינע איבערזעצונגען פון די נביאים אין אַלגעמיין ניט אויסגעהאַלטן. עס פעלט זיי די וואונדערבאַרע איינפאַכקייט און קאַרג־קייט אין ווערטער. יחזקאלס „הוי, רועי ישראל“ קומט ביי אים אויס:

„איי די מערדער, איי די הירטען,
עס וועט זיין צו זיי אַ קלאָג.
איי די מערדער, איי די הירטען,
עס וועט קומען אייער שטראָף!
ווייל זיי האָבן זיך געפּאַשעט
זיך געפּאַשעט, ניט די שאָף!“

דערפאַר ווען ער האָט געפּרואווט ניט נאָכדיכטן, ניט איבערזעצן, נאָר פריי שאַפן אויף אַ טעמע פון תנך, האָבן זיך באַקומען ווערק, וואָס קאָנען אפשר קאָנקורירן מיט די נביאים אין זייער שטאַרקייט. אָהער געהערט קודם־כל דאָס ליד „פון יחזקאל“.

עס שליכט צו אַ שטאָט ביינאַכט
די שווערד!
נאָר אויפן טורעם דער וועכטער וואַכט —
ער הערט!
און בלאָזט טראָמפּייט
און שמעטערט מיט מאַכט,

עס ציטערט די נאַכט,
דאָס פֿאָלק דערוואַכט — — —
דער שונא גייט, דער שונא גייט!
און ס'פֿלאַקערט אויף די שלאַכט" . . .

שוואַכער, אָבער פֿול מיט אַן איינגעפּרעסטן אינעווייניקסטן פֿייער, איז דאָס ליד אויף דער טעמע: „מי זה בא מאדום, חמוץ בגדים מבצרה" (ישעיה ס"ג). דאָ איז פֿאַראַן אַ גרויסער באַשיידענער, ניט שרייענדיקער, נאָר טיף אין די ביינער איינגעגעסענער פּאַטאָס.

צו די שוואַכערע זאַכן וועט מען אויך מוזן צורעכענען די לעגענדע „רבי חנינא בן דוסא" און דעם לאַנגן, צעצויגענעם מאָנאָלאָג „דער בעל עגלה". אין די ביידע זאַכן האָט פּרץ געוואָלט זיין פֿאָלקסטימלעך. פֿאָלקסטימלעכקייט אין ליריק איז אָבער פֿאַר אים געווען פּונקט אַזוי אומ־דערגרייכבאַר, ווי אַ גוטע פּאָעטישע איבערזעצונג. אַפֿילו אין די „פֿאָלקס־טימלעכע געשיכטן" האָט דאָך פּרץ ניט געקאָנט אינגאַנצן פֿאַרשטעלן זיין „איך". אין ליריק, אין לידער איז דאָס אים אוודאי ניט געווען מעגלעך. דער רואיקער, קינדיש־נאַאיווער, פֿליסנדיקער טאָן פֿון דער פֿאָלקס־דיכטונג, וועלכע שטעלט זיך אָפּ אויף קלייניקייטן און חזרט אי־בער דאָס זעלבע עטלעכע מאָל, — ווי האָט דאָס געפּאַסט צו פּרצעס האַס־טיקער, אימפּולסיוו־איילנדיקער, נערוועזער נאַטור?

„מאַניש" — דאָס איז אַן אַנדער זאַך. דאָ האָט פּרץ אַפֿילו ניט געוואָלט זיין פֿאָלקסטימלעך. דאָ דערציילט אַ מאָדערנער אינטעליגענט אַ געשיכטע פֿון אַ „ער" און אַ „זי" אין אַ באַשטימטער סאָציאַלער סביבה. דאָ איז דאָס לעגענדאַרע מער אַ שפּאַס, ווי אַן ערנסט. דער דיכטער וויל צוגעבן זיין דערציילונג אַ „לאָקאַלע באַפֿאַרבונג", קומט ביי אים אויס אַ לילית מיט אַ באַרג אָררט, מיט אַן עסקאַדראָן שדים מיט די אַלע זיבן זאַכן. דערביי לאַכט ער אַליין גוטמוטיק, און די הערער זייען מיט זיין שפּאַס צופֿרידן. סוף־כל־סוף איז דאָך אין „מאַניש" באַאַרבעט די אייביקע טעמע פֿון אָדם מיט חוהן, די זעלביקע, וואָס איז מיט אַזוי פֿיל קונסט באַהאַנדלט געוואָרן אין אַן אַנדערער פּרצעס פּאָעמע „ער און זי". און די טעמע באַגעגנט זיך אין דער יידישער לעגענדע זייער זעלטן.

***

ווייל מען באַטראַכטן פּרצן דעם ליריקער אין אַלגעמיין, מוז מען זיך זאָגן, אַז ער האָט אין די ערשטע יאָרן אַלץ געזוכט זיין אייגן ליריש פעלד און ניט געקאָנט געפינען. אָט איז די סאָציאַלע עמפּערונג, אָט איז דאָס שטילע רחמנות. אָט ווידער אַ הומאָריסטישע טרוימערײַ אויף היינעס מאַניר, דאַן ווידער אַ מאָטיוו פון בענקשאַפט, פון פאַרצווייפלונג, ווייטער אַן אַלעגאָריע וועגן דעם מענטש און דער וועלט („אַ טעאַטער איז די וועלט, גאָט איז רעזשיסער — ס'שטיק איז פּין, — ליידער איז דער טיקוול דער סופלער, די בודע איז דאָס שוואַכע האַרץ") — און שפּעטער אַ פאַרזוך אינעם גייסט פון פאָלקס־דיכטונג. אויף יעדן פון די געביטן באַשאַפט פּרץ אייניקע באַדייטנדיקע לידער, אַ צוויי־דריי אמת געניאַלע, דאָ און דאָרט גיט אַ שפּריץ מיט פייער, אַ לייכט ווי אַ בליץ אין דער פינצטער, אַ שמעק מיט וואונדערבאַרער פּאָעטישער אימפּרעסיע. אָבער ניט אַלץ געלינגט אים. אָפט באַקומען זיך גאָר שוואַכע זאַכן. איר זעט: דער דיכטער איז ניט צופרידן. ער וועט דאָ ניט בלייבן. ער וועט דאָס פעלד ניט קולטיווירן. און דער לעזער אַליין איז אויך ניט צופרידן: ער פילט, אַז דאָס איז ניט די אייגנטלעכע פּרצעס אַרבעט.

און אַזוי דערווייטערט זיך פּרץ אַלץ מער פון דער ליריק. מיר באַגעגענען ביי אים אייניקע לירישע פּראָבן אין זיינע דראַמען, באַזונדערס אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", אָבער דאָרטן האָבן זיי ניט קיין זעלבסט־שטענדיקע באַדייטונג. פּרץ ווערט אַלץ מער דערציילער, סטיליזאַטאָר, אַנטדעקער פון הויכע מאָראַלישע ווערטן אין דעם אוצר פון דעם פאָלקס־גלויבן און פאָלקס פּאָעזיע.

אָבער גראָד אין דער צייט, ווען עס דאַכט זיך: ער איז גאָר ווייט אַוועק, רייסן זיך ביי אים אַרויס איינצלנע לירישע ווערק, וואָס טראָגן שוין גאָר אַ נייעם כאַראַקטער. דאָס איז אַ ווידוי פון אַ נשמה, וואָס האָט געלעבט און געזוכט און האָט דערפילט דעם נאָענטן סוף און האָט מורא פאַר דעם סוף און פרעגט זיך: צו וואָס איז געווען דאָס גאַנצע?

דאָ האָבן מיר פאַר אונדז שוין ניט דעם שפּילנדן, נאָר דעם ליידנדן פּרצן; ניט דעם יונגן מאַן, נאָר דעם רייפן מענטשן; ניט די פּראָבע, נאָר דעם אויסגוס פון אַ דערשיטערטער נשמה, —

„ווען דער טויט פאַרשפּרייט
זיינע ווייסע פליגל איבער באַרג און טאָל . . .

די אויסגעבלייכטע נשמה, אָן קלאַנג און פאַרב,
פרירט ביזן טיפסטן און ציטערט . . .
אָן האָפענונג און פרייד,
און פאַרשנייטע הערצער קלאַפּן שטיל, שטיל,
שטערבלעך מיד און פאַרסאַמט . . .

און דאָס בלוט אין ד'אָדערן קילט;
און שווער ווי בליי פאַלן די ברעמען
איבער מידע, ווייס־אָנגעזאָפּטע אויגן,
און בלאַסע, ווייסע ליפּן ציטערן, פרעגן:
האָבן ווירקלעך בלומען אַמאָל געבליט?
האָבן ווירקלעך רויזן אַמאָל געשמעקט?"

פון דעם דיכטערס מידע אויגן קוקט אַרויס דער וועלט־שמערץ. עס דאַכט זיך: ער אַנטלויפט פון זיינע איבעריקע שאַפונגס־געביטן אַהער, כדי דאָ אומגעשטערט צו דערציילן די געשיכטע פון זיין זעלן־פּיין, פון דעם וועלט־פּיין. דאָ איז ער מיט זיך, פאַר זיך. ער קוקט זיך אַרום: מאין יבוא עזרי? ער האָפט נאָך אויף עמעצן: איז דאָס ליבע? איז דאָס פריינטשאַפט?

„. . . קום צו מיר,
זאָל דיין אָטעם אָן רויזן דערמאָנען . . .
און איך וועל פליען און גלויבן
און גיי אַרויס צו דער וועלט מיט אַ בשורה:
פאַראַן! פאַראַן!

אָבער אָן אָפּזאָג, אַ שטילער יאוש קלינגט אַרויס פון צווישן די שורות.

און ווידער טוט עס אַ ברויז־אויף אינעם דיכטערס האַרץ: לעבן! געניסן! שלינגען די וועלט!

„ציטער, זיסער פלאַנצן־שויס!
פלאַם און פלאַטער, ווילדע רויז!
נאַר איך דיך, אייל!
עס שטעקט זיך שוין אַ האַנט אַרויס
דיך אָפּצופּליקן!"

און באַלד טאַקע ווערט ווידער פאַרשפּרייט דער טונקעלער וואָלקן.

„נאַכט. אַ הוילער בוים אין פעלד. איינזאַם, שטום און בלינד“. און שטום און בלינד ליגט דעם דיכטערס האַרץ, ביז עס ווערט ביט באַלויכטן מיט אַ בלאַס־מידן טאָן פון דעריבערונג, — אַ פאַלש ליכט, וואָס קאָן נאָר גלאַנצן, אָבער ביט וואַרעמען. כאַפּט דער דיכטער זיך אָן אָן דעם שטראַל — רופט צוריק אַרויס פון דער פאַרגאַנגענהייט די אַלטע צייט, די אַלטע היים:

„אומשולדיק־שטיל־היימישע נאַכט,
כ׳וויל מיך וואַשן ריין
אין דיינע שטיל־ציטערדיקע וועלן;
אין דיין שטיל־ציטערדיקער זילבער־נעץ
היל מיך איין . . .
כ׳וויל צוריק זיין דיין אַמאָליק קינד,
דיין אַמאָליק ריין גלויביק קינד —
דערציל עפּעס, דערציל . . .“

אָבער קאָן די אַלטע צייט אָפּווישן די קנייטשן פונעם פּנים, אַריינגיסן יונג בלוט אין די אָדערן? קאָן זי פאַרענטפערן די גרויסע פראַגע: צו וואָס?

אין נידעריקע, שטיל־וויברירנדיקע, אָבער זייער ברייטע אַקאָרדן קלינגט פּרצעס ליד פון די לעצטע יאָרן. עס קלינגט זעלטן, ווי יעדע הייליקייט, וואָס אַנטפּלעקט ביט איר מיסטעריע יעדן טאָג. עס קלינגט ווי אַן אָרגל־שפּיל אין אַ ליידיקער אַלטער קירך. די זון שיינט אַריין דורך פאַרביקע שויבן, אַ מאַטע דעמערונג איז אויסגעשפּרייט צווישן די זיילן. קלוגע אַלטע בילדער מיט באַרואיקטע אויגן קוקן פון די טונקעלע ווענט, און אַ פייערלעכע שטילקייט שפּרייט זיך אין דעם הויכן רוים.

„זייט געזונט!
טרוימען רופט מען נישט צוריק . . .
און פאַרהילכט אַ טאָן,
קאָן ער נישט איבערקלינגען . . .
צוויי מאָל פליט דער זעלבער שאָטן נישט אַדורך! . . .“

האָט שוין דעמאָלט פּרץ געפילט די פליגל פונעם טויט?
און מיר האָבן אים אַלע געהאַלטן פאַר אַזוי יונג . . .

.1915

פרץ דער שריפטשטעלער

פרץ איז אפשר געווען ניט דער גרעסטער, אָבער פרץ איז געווען דער רייכסטער פון אַלע יידישע שרייבער.

איר קאָנט איבערלייענען דריי־פיר ביכער פון טאָלסטאָי, פון הויפּט־מאַן, פון שלום־עליכם — און איר וועט פילן, אַז איר קענט שוין דעם שרייבער: די גרונד־ליניע פון זיין שעפערישער געשטאַלט האָבן זיך שוין אָנגעמערקט פאַר אייערע אויגן. איר קאָנט איבערלייענען צוואַנציק זאַכן פון פרצן און מיינען: אָט דאָס איז פרץ, און אַז איר וועט קומען צו דער איין און צוואַנציקסטער, וועט איר זיך זאָגן: דאָס איז גאָר אַ בייער סאָרט שאַפן, דאָס איז אַן אַנדער פרץ, און אַזוי וועט געשען מיט אייך ניט איין מאָל און ניט צוויי.

פרץ דער רעאַליסט. פרץ דער פאַרפאַסער פון רייזע־בילדער. פרץ דער וויכער פאַרטרוימטער ליריקער. פרץ דער הומאָריסט. פרץ דער פּאָעטער פון חסידישע מעשהלעך. פרץ דער דערציילער פון פאָלקס־טימלעכע געשיכטן. פרץ דער מחבר פון אַלעגאָריען און משלים. פרץ דער אויטאָר פון מאָדערניסטישע לידער אין פּראָזע. פרץ דער פּעליעטאָ־ניסט און פּובליציסט . . . ס'אַראַ וועלט פון פאָרמען, בילדער, מאָטיוון, געשטאַלטן! ס'אַראַ אוצר פון שעפערישע איינפאַלן, פון פאַרבנרייכע פאַנ־טאַזיעס, פון אומדערוואַרטעטע פּאַנאָראַמעס.

און וואוהין פירט אונדז ניט אַריין פרצעס שאַפן? אין קעלער־שטוב און אין רייכע פּאַלאַצן, אין רביס הויף און אין דער מאָדערנער פאַבריק, אין פליגל פאַר משוגעים און אין דער רייכער וואַרשעווער מאַ־דע־מאַסטערסקאַיע, אין קליינעם שטעטל און אין דער רוישיקער, קאָכיקער גרויס־שטאָט.

אַלצדינג איז דאָ דאָ. ניט איין וועלט, נאָר גאַנצע שנירלעך פון וועלטן, גאַנצע בונטן פון מענטשן, גאַנצע שטראָמען פון געדאַנקען. און

אַלצדינג שפּילנדיק, לייכט, שטיפעריש, אַלצדינג ווי אויף קאַטאָוועס, און הינטער דעם קאַטאָוועס אַלע מאָל אַ גרויסער ערנסט . . .

פּרץ דערציילט, אַז ווען ער איז געווען אַ ייִנגל, האָט ער ליב געהאַט אַראָפּצוכאַפּן אַ שטיקל וואַקס, וואָס פלעגט בלייבן פון די יום־כיפּור־ליכט, און קנעטן אין חדר אונטערן טיש.

„איך פלעג אויסקנעטן אַ קאָפּ פון אַ מענטש, דערפון געמאַכט אַ קאַץ אָדער אַ מייזל, דערנאָך האָב איך אַרויסגעצויגן פון די זייטן פליגל, געשפּאָלטן דעם קאָפּ אויף צווייען, און עס איז אַרויס אַ קרוין־אָדלער, נאָר דערנאָך האָב איך פון ביידע קעפּ און ביידע פליגל געפלאָכטן אַ קוילעטש אין פירן”.

אַזוי האָט זיך פּרץ ייִנגלוויז געשפּילט, שאַפנדיק פיגורן פון וואַקס. פּרץ האָט אַלטערהייט זיך אויך געשפּילט, שאַפנדיק אַלץ נייע און נייע געשטאַלטן, אָבער דאָ איז שוין אי דער שטאָף, אי דאָס ווערק געווען אַן אַנדערס. „דער דיכטער, — שרייבט פּרץ, — איז איגנטלעך אַ קינסטלער. נאָר דאָס ליים, דער מאַרמאָר, דער גראַניט איז ביי אים אין דער האַנט — דאָס פאָלק, די וועלט, דאָס לעבן, זיי ענדערט ער, זיי מאָדעלירט ער, זיי שאַפט ער איבער”.

דאָס פאָלק, די וועלט, דאָס לעבן! — דאָס איז געווען פּרצעס וואַקס. שפּילנדיק, שטיפנדיק, קיינמאָל ניט באַפרידיקט מיט דעם פּאַרטיקן, אַלע מאָל זוכנדיק נייע פאַרקערפּערונגען, אַלע מאָל טרוימענדיק וועגן נייע וועלטן, האָט פּרץ באַאַרבעט זיין שטאָף. אים איז דאָס, דאַכט זיך, געווען לייכט. ער האָט פאַרביגייענדיק געשאָטן פונקען, געשפּריצט שטראַלן, געצונדן שטערן אין דער ווייטקייט, כדי באַלד צו באַווייזן זיך אויף דער בייער הויכקייט, אונטער נייע הימלען. אָבער יעדער פונקט, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, יעדער בליק, וואָס האָט פון אים אויפגעלויכטן, איז פאַר אונדז גאָר ניט געווען קיין שפּילכל: דאָ האָט אַלע מאָל געלעבט אַן ערנסטער געדאַנק, אַ טיף געפיל, דאָ איז אַלע מאָל געשטאַנען אַ פראַגע.

און אָט די פראַגע, אָט דער ערנסט איז די נשמה פון פּרצעס ווערק. ווי לייכט, ווי געפליגלט זיי זאָלן ניט זיין — אַלע מאָל פילט איר אין זיי אַן אומרואיקן קאָפּ, וועלכער האָט ווכטיקעס צו לייזן. און דאָס איז דער רויטער פאָדעם, וואָס פאַרבינדט אַלע זיינע שאַפונגען און מאַכט פון זיי איין גאַנצעס.

פּרץ האָט קיינמאָל ניט געשריבן גלאַט אַזוי, ווייל ער האָט געוואָלט

עפּעס מאָלן. דערציילן צוליבן דערציילן אַליין — דאָס איז אים כּמעט געווען פֿרעמד. פֿון אַלע חושים איז, דאַכט זיך, דאָס אויג בײַ אים געווען אַם ווייניקסטן אַנטוויקלט. דעריבער איז די נאַטור בײַ אים שטענדיק ניט קיין זעלבסטשטענדיקע זאַך, נאָר אַ ראַם, אַ דעקאָראַציע פֿאַר זײַנע מענטשן. דעריבער שטעלט ער זיך אַזוי ווייניק אָפּ אויף די אויסערלעכע סימנים פֿון די מענטשן: זייער געגנג, זייערע תּנועות. אים איז דאָס ניט וויכטיק. ער קוקט אַרײַן טיפֿער. אים זײַנען אַפֿילו די מענטשלעכע נשמות ניט אינטערעסאַנט אַלס אַזעלכע. ער קוקט נאָך טיפֿער, ער זעט דעם פּונק פֿון אַ גרויסער וועלט־פּראָבלעם, וואָס איז אין זיי פֿאַרבלאָנדזשעט. ער זעט אין יעדן טראָפּן וואַסער אַן אָפּגלאַנץ פֿון דער גרויסער זון, וועלכע לעבט ערגעץ ווײַט, מיליאַרדן מײַלן פֿון אונדז. און אים איז די זון וויכטיקער, ווי דער טראָפּן וואַסער. אים איז דער טראָפּן אַליין נאָר אויף אַזוי פֿיל אינטערעסאַנט, אויף וויפֿל עס שפּיגלט זיך אין אים אָפּ די גרויסע זון.

און דעריבער טאַקע ענדערט ער אַזוי אָפֿט זײַנע פֿאָרמען. זיי זײַנען דאָך נאָר אַ קלייד, אַ לבוש, זיי אַליין פֿאַר זיך שפּילן ניט קיין ראָלע. דאַרף מען דערציילן וועגן משה יוסעלעס, („אַז מען זאָגט משוגע — גלויב"), לייגט מען אַרײַן די ווערטער אינעם מויל פֿון אַ פֿאַרצײַטיקן ייִדן, באַקומט זיך כּמעט אַ רעאַליסטישע זאַך. אָבער פֿון אונטער דעם רעאַליסטישן געוועב זעט זיך אַרויס דער „משוגענער" משה יוסעלעס, מיט די לאַנגע ברעמען און ברענענדיקע אויגן, מיט דער „מאָדע צו קוקן אין הימל אַרײַן". „עס גייט, למשל, דורך אַ וואָלקן, זעט ער אין אים אַ געשטאָרבענעם פֿעטער, אַ כּהן־גדול, אַ צאַפּ... וואָס איר ווילט נאָר אַליין, זעט ער אין דער כּמאַרע. איז דער הימל לויטער, זאָגט ער, אַז עס איז אַ ראש־השנהדיק פּרוכת. ווינטער פֿלעגט ער אָפּליגן גאַנצע טעג אין פֿענצטער און אַרויסקוקן אויפֿן שניי. בריליאַנטן, זאָגט ער, זעט ער אין שניי".

משה יוסעלעס, דער גרויסער לערנער און דער אומרואיקער אומבאַוואוסטער פּאָעט, קוקט אַרויס פֿון דעם ייִדנס דערציילונג אין זײַן גאַנצער אײביקער שיינקייט, אין זײַן אַלמענטשלעכער שיינקייט. דער ייִד פֿאַרשטייט אים ניט, פֿאַרן ייִדן איז ער משוגע. אָבער פּרץ פֿאַרשטייט אים זייער גוט. און וואָלט פּרץ געוואָלט, וואָלט ער געקאָנט לאָזן משה יוסעלעס אַליין רײדן פֿאַר זיך — וואָלט זיך אַפּשר באַקומען אַזאַ „מאָדערניסטישע" זאַך, ווי „עס זײַנען קיין וואונדער געשען", אָדער אפשר

גאָר אַזאַ אומבאַשטימטע, האַלב־לירישע, האַלב־פּובליציסטישע שנור פון געדאַנקען, ווי „וואָס הייסט נשמה"?

פּרץ זעט אין אַלצדינג דאָס וויכטיקע, דעם תוך, דעם עיקר — און דאָס איז דאָס פּראָבלעם פון וועלט, פאָלק, מענטש און לעבן, גוט און שלעכט, טויט און אייביקייט. פּרצעס ווערק זיינען ניט מער, ווי אילוסטראַציעס — טאַלאַנטפולע, פּראַכטפולע, געניאַלע אילוסטראַציעס צו אַ גרויסן בוך, וואָס די מענטשהייט האַלט אין איין שאַפן שוין טויזנטער יאָרן. אַן אילוסטראַציע איז אָבער ניט אַ ציל פאַר זיך, נאָר אַ מיטל צו אַ העכערן ציל. אַן אילוסטראַציע דאַרף דעריבער קיינמאָל ניט געבן מער, ווי דאָס ציל אירס פאַרלאַנגט.

דעריבער אָט די מערקווירדיקע קורצקייט פּרצעס. קיינער האָט ביי אונדז ניט געשריבן מיט אַזוי ווייניק ווערטער. קיינער האָט זיך ניט געאיילט אַזוי ווי פּרץ. ער האָט דאָך קיין צייט ניט. ער בויט דאָך אייגנט־לעך ניט קיין בנין. ער ווייזט אייך נאָר, ווי אַ בנין דאַרף אויסזען. ער דערציילט אייך עפּעס אַ בויטיקס. נאָר אַזוי ווי איר קענט אים ניט גוט פאַרשטיין, נעמט ער אַ פּיצל פּאַפּיר און מערקט אָן מיט אַ בלייפעדער אייניקע שטריכן. ער צייכנט נערוועז, אומרואיק, ער גיט נאָר דאָס נויט־ווענדיקסטע, אייגנטלעך נאָר די קאָנטורן. אויב דאָס געצייכנטע הייבט אָן לעבן און פאַרכאַפּט אייער אויג, — איז אַוודאי גוט. אָבער ניט דאָס איז ער אויסן. וועט אים זיין באַקוועמער — וועט ער גאָר ריידן ווי אַן איינפאַכער פּובליציסט. וועט אים אויסקומען — וועט ער זיך פאַר־וואַנדלען אין אַ ריינעם לירקער. ניט — וועט זיין עפּעס אַזוינס, וואָס פאַראייניקט ביידע זאַכן. נאָר איינס וועט ער ניט ווערן: אַ קילער עפּי־קער, אַ רואיקער, געלאַסענער דערציילער, וואָס פאַרשווינדט הינטער דעם דערציילטן. דאָס קאָן ער פּשוט ניט. אַפילו זיינע „פאָלקסטימלעכע גע־שיכטן" זיינען ניט קיין געלייטערטער, קלאָרער עפּאָס: צו נערוועז איז דער שרייבער, צופיל מיט רמזים, מיט וואונקען אין זיין דערציילונג, צו ווייניק תמימות איז אין איר פאַראַן. און דאָס קאָן אויך אַנדערש ניט זיין. פּרץ קומט דאָך צו דער פאָלקס־לעגענדע ניט צוליב דעם ספּור המעשה, נאָר צוליב דעם „מאור שבה", צוליב די שטראַלן פון אייביקער מענטש־לעכער אידייען־שיינקייט, וואָס ער האָט אין איר געפונען אָדער אין איר אַריינגעלייגט. קימערט ער זיך ווייניק וועגן דעם געוועב פון דער דערציילונג. ווערט דאָס געוועב אָפטמאָל אַזוי דין, אַז מען קאָן עס ניט

כאַפּן מיטן אויג. קאָן די לעגענדע ניט פליסן, ווי אַ קלאָר טייכל. קוקט איר אָבער אַריין אין איר וואַסער, געפינט איר אָפּגעשפּיגלט וועלטן.

אַזוי בלייבט פּרץ אויף אַלע שטופן פון זיין שאַפן, אין זיינע סאָציאַלע מאָטיוון, ווי אין די פּסיכאָלאָגישע שטודיען, אין זיינע דראַמען, ווי אין זיינע חסידישע מעשיות. עס איז דאָך מערקווירדיק, ס'אַרא גרויסע חכמים עס זיינען די יידן, מ'וואָלט זיך קוים אויף זיי געקאָנט ריכטן. דער קירזשנער פונעם שטריימל איז דאָך אַזאַ פּקח, פאַרשטייט אַזוי פיל און רעדט אַזוינס, וואָס איר מוזט זיך וואונדערן. הייבט יוחנן דער מלמד! ער האָט זיך דאָך אַליין דערטראַכט צו דעם געדאַנק, אַז ס'איז ניטאָ קיין אַפּיקורסים, אַז אַלע גלויבן, אַלע זיינע חסידים, נאָר זיי גלויבן יעדערער אין זייער רבין. און אַפילו פּרצעס רביים, און אַפילו דער ביאַלער רבי אַליין! עס איז אַזאַ ספק, צו האָט אַמאָל אַ ביאַלער רבי געקאָנט אַזוי דערקלערן זיין סיסטעם, ווי פּרץ האָט דאָס אַריינגעלייגט אין זיין מויל אַריין.

דאָס איז דאָך אַלץ פּרצן ניט וויכטיק. ווער ס'זאָל ניט דערציילן, ווער ס'זאָל ניט שפּריצן די סנאָפּעס פונקען־געדאַנקען, אַבי זיי זאָלן גלאַנצן, גליען, לייכטן, שעמערירן. אייך אַרט ניט, וואָס דער פּסיכאָלאָגישער אמת איז דאָ ניט אויסגעהאַלטן: ס'איז דאָך דאָ אַ גרעסערער, וויכטיקערער אמת, וואָס שיינט אַרויס פון הינטער אָט דער פּסיכאָלאָגישער אומגלויבלעכקייט. פון פּרצן קאָנט איר ניט פאַרלאַנגען דאָס, וואָס איר פאַרלאַנגט פון אַן איינפאַכן דערציילער.

און פּרצן קאָנט איר ניט אַריינלייגן אין די ראַמען פון אַ באַשטימטער געזעלשאַפטלעכער און סאָציאַלער ריכטונג. פּרצן האַלט מען פאַר דעם שעפער פון דעם ניי־חסידיזם. ער איז דאָס טאַקע געווען — ניט ווילנדיק. פון זיין גרינגער האַנט האָבן ביי אונדז גענומען שפּראָצן חסידימלעך, ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן. ער אַליין איז אָבער געוויס קיין חסיד ניט געווען, ווי ער איז ניט געווען קיין פאָלקס־מענטש, כאָטש ער האָט דערציילט פאָלקס־געשיכטן. פּרץ האָט אין דעם חסידות נאָר געזוכט דאָס אייביקע, ווי ער האָט עס געזוכט אין דער פאָלקס־לעגענדע, ווי ער האָט עס געזוכט אין דעם „קראַנקן יינגל" און אין „וואָס אין פידעלע שטייט" און אין זיינע אומצאָליקע בליצן־נאָוועלן. דאָס חסידות אַליין איז פאַר פּרצן געווען ניט מער, ווי אַן אילוסטראַציע צו אַ געשיכטע פון גייסטיקע אַנטציקונגען און פאַרצוויפלונגען, אוממענטשלעכע פריידן און

איבערערדישן טרויער. ווען פרץ האָט געערדט וועגן „דער נשמה פון דער וועלט", איז דאָס ביי אים ניט געווען קיין פראַזע.

און דעריבער איז פרץ דער נאַציאָנאַלסטער פון אונדזערע דיכטער, אין דער זעלבער צייט דער אַלגעמיין־מענטשלעכסטער פון זיי אַלע. פרצן קאָן אַ ליאַדע מאָסן־ייד ניט גוט פאַרשטיין אָן אַ ווערטער־בוך, און פרצן וועט זייער גוט פאַרשטיין און אָפּשאַצן אַ פילאָסאָפיש־געבילדע־טער אייראָפּייער, אַבי ער זאָל נאָר ווי עס איז גובר זיין די שוועריקייטן פון דער שפּראַך. פרץ שטייט מיט ביידע פיס אין דער יידישער סביבה, אין דער יידישער גאַס. אָבער מיטן קאָפּ דערהויבט ער זיך אַזוי הויך, אַז ער זעט ווייטע וועלטן.

און דעריבער איז פרץ געווען אַזוי שטאַרק איינגעבאַקן אינעם האַרצן פון דער יידישער אינטעליגענץ. און דעריבער האָבן זיינע ווערק — אַלע ווערק — געפונען אָנערקענונג אַפילו אין אַזוינע יידישע קרייזן, וואָס זיינען ווייט פון רעליגיעזע שטימונגען און מיסטישן עמפינדן.

פרץ האָט דאָך ניט געפּרעדיקט. ער האָט נאָר אויפגעדעקט, ער האָט נאָר געוויזן. און סוף־כל־סוף איז דער פּראָצעס פון שאַפן, פון אַנט־דעקן, פאַר אים אַליין געווען וויכטיקער, איידער די רעזולטאַטן, וואָס דאָס קאָן ברענגען.

***

פרץ איז געווען דער מיטלפּונקט פון אונדזער נייער יידישער קולטור, איר פאָנען־טרעגער, איר פולסטער אויסדרוק.

פרץ האָט זיך פאַרהאַלטן גוואַלדיק ערנסט צו דער יידישער לי־טעראַטור, צו דער יידישער קולטור איבערהויפּט. פאַר אים איז דאָס גע־ווען אַ הייליקע זאַך, זיין אַרבעט — אַ דינסט פון אַ כהן־גדול אין אַ טעמפּל.

דעם גאַנצן פייער פון דער נשמה האָט ער אָפּגעגעבן אָט דער כוונה.

און די ניי־יידישע, נאָר־וואָס אויפגעקומענע, נאָר־וואָס פונאַנדער־געבליטע קולטור האָט דאָס געפילט. און ווי פלאַנצונגען צו דער זון — אַזוי האָט זיך געצויגן צו פרצן אַלצדינג, וואָס ס'האָט זיך באַוויזן נייס און שיינס ביי יידן.

פרץ — אַן אַרויסגעבער פון יידישע זאַמלביכער און זשורנאַלן.

פרץ — אַ מיטאַרבעטער ביי אַלע באַדייטנדיקע ליטעראַרישע אונטער־

נעמונגען. פרץ — אַ לעקטאָר און אַ פאָרלעזער. פרץ — אַ ראַטגעבער אין קונסט־ און ליטעראַטור־זאַכן. פרץ — אַן אונטערשטיצער פון לי־טעראַרישע חברות, געזאַנג־פאַראייגען, דראַמאַטישע געזעלשאַפטן, קורסן פאַר דערוואַקסענע, שולן פאַר קינדער. און דער עיקר: פרצעס הויז — אַן אמתע „בית ועד לחכמים" — אַ הויז, וואו עס האָבן זיך געשליפן נייע יידישע טאַלאַנטן, וואו עס האָט זיך געבילדעט די ליטעראַרישע „געזעלשאַפטלעכע מיינונג". פרץ — אַן אמתער פריינט פון אַלע ראַדיקאַלע און רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען ביי יידן.

ווי אַ בוים מיט טויזנטער וואָרצלען, אַזוי איז פרץ געווען איינגע־וואָרצלט אין דעם גאַנצן היינטיקן יידישן לעבן. פון אומעטום האָבן זיך צו אים זאַפטן געצויגן, און ער איז געווען די איינהייט אין דער לעבעדיקער פילהייט.

דעריבער איז אַזוי שווער די אבידה. דעריבער איז אַזוי גרויס די פוסטקייט, וואָס איז נאָך פרצן געבליבן.

17טן אַפריל, 1915.



באַרעליעף פון בראַדאַטי

ISBN:0-657-05687-1